שנה ג׳
גליון נ״ג

חג הפסח
תשפ״ד לפ״ק

בעזהשי״ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

גליון פנימי • י״ל ע״י ׳מערכת קהלת יעקב׳ דחסידי פאפא

**מדור שיחות קודש** א



לקראת היארצייט של אמא של מלכות הרבנית הצדיקת ע״ה י״ז ניסן

**שיחה ד׳ בסדרת שיחות קודש בעת שבעה דנחמתא אחר פטירת הרבנית ע״ה**

**מדור דברות קודש** יט

**שיחות קודש ודברי הכנה לחג הפסח ולימי בין הזמנים**

בתוכן:

נתתי אותה מאשי / **הידורים אור המקיף** / אמונה במנהגי ישראל / **זהירות בפסח על כל השנה** / בשבח הכולל / **אותו יצר הרע העבירו** / הולכים מחיל אל חיל / **העבודה בחודש הזה בזריזות**/ זריזות עם ישוב הדעת / **מדת עזות** / התנהגות בחג הפסח / **ועוד**

**חסידים דערציילן** כה

**סיפורים ועובדות מרבותינו הק׳ זי״ע על חג הפסח**

שיחת קודש של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א **בעת השבעה דנחמתא לפטירת אמה של מלכות הרבנית הצדיקת ע״ה** אשת חבר כ״ק מרן אדמו״ר זצוקללה״ה

יום ד׳ אחרי לאחה״צ

**עם הרבנים: הגאון רבי שמשון כץ שליט״א ראש ישיבתנו הק׳; הגאון רבי מלכיאל קאטלער שליט״א ר״י ביהמ״ד גבוה לעיקוואד; הגה״צ רבי נחום מאיר גערמאן שליט״א ר״י באבוב; הרה״צ רבי חיים מאיר האגער שליט״א בן כ״ק האדמו״ר מוויזניץ שליט״א; ועוד**

**השיחה נסובה אודות צרות שסבלו ישראל ל״ע במשך השנים.**

**הגאון ר׳ שמשון כץ שליט״א ראש ישיבתנו הק׳**: ס׳איז נישט צו משיג זיין וואס די אידן וואס האבן איבערגעלעבט די מלחמה האבן מיטגעמאכט; זייערע גופים זענען ממש געווען געשטארבן.

**מרן שליט״א**: ס׳איז געווען למעלה מן הטבע.

**ר״י הגר״ש כץ**: כ׳געדענק אז כ׳בין געווען אין נייטרא ישיבה נאך אונטער מיין בר מצוה, און דער ראש ישיבה הגאון רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ״ל האט געמאכט א גרויסע התכנסות; איז

צוויי טויזענט מאל תהילים!

ווערן אויסגעזאגט דורך חסידי פאפא
ביום המסוגל שביעי של פסח הבעל״ט

פרטים אויף עמוד י״ג

גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא

געוועזן דארט א עלטערע איד הר"ר משולם לעבאוויטש ז"ל, ער איז געווען עלטער ווי ר' מיכאל בער ווייסמאנדל, און ער איז געקומען מיט טענות צו ר' מיכאל בער זאגנדיג: "ווער זענט איר אז איך דארף קומען צו אייך; איר דארפט קודם קומען צו מיר, ווייל איך בין שוין אלט טויזענט יאר; כ'האב שוין ל"ע געליטן אין מיין לעבן אזויווי טויזענט יאר רח"ל.

**הגאון רבי מלכיאל קאטלער שליט"א ר"י ביהמ"ד גבוה לעיקוואוד**: רבי אלעזר בן עזריה האט דאך געזאגט הרי אני כבן שבעים שנה (ברכות יב:). זאגט דער רמב"ם (פירוש המשניות ברכות א, ט) אז דורך די יגיעת התורה איז ער פארעלטערט געווארן כבן שבעים שנה.

**מרן שליט"א**: לגבי וואס מ'האט מיטגעמאכט ביים קריג ל"ע, שרייבט דאך כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל אין די הקדמה (לספה"ק ויגד יעקב ויקרא) ווען ער שרייבט די סיפורים פונעם קריג; אז שמחת תורה אין לאגער האט מען געדארפט טאנצן אין א רפת בקר, און די קלי הדעת זענען געשטאנען און געקוקט: "וואס גייט פאר מיט די מענטשן?! די מענטשן זענען דאך משוגע! פארוואס טאנצן זיי?!"... שרייבט אבער דער טאטע ז"ל דארט: "אבל באמת כן היה; ווייל בשעת מיר האבן עוסק געווען אין דעם 'ממש היינו שוכחים' פון אלע צרות!"[א] דאס איז געווען אין די שווערסטע צייטן!

**א.** ראה לשון קדשו של כ"ק מרן זצוק"ל בזכרונותיו בהקדמה לספה"ק ויגד יעקב ויקרא: ובשמחת תורה קיימנו גם מנהג הקפות באותו רפת בקר, עם הסידורים והחומשים אשר בידינו תחת ס"ת בשירה ובזמרה וריקוד כמנהג ישראל, ואחינו בני ישראל קלי הדעת אשר רחקו מתורת ה' שהיו בתוכינו המה ראו כן תמהו לשמחה מה זו עושה לרקוד ולשורר בתוך צרה ברפת


קול רנה וישועה באהלי צדיקים

פאפא

בקידה ובהשתחויה מול פני הקודש נשגר בזה
ברכת מזל טוב מעומק לבבינו, מול פני המנורה
הטהורה, בוצינא קדישא, עמוד האש ההולך לפני
המחנה, עטרת תפארת ישראל, אבינו רוענו

כבוד קדושת
מרן אדמו"ר
עט"ר שליט"א

לרגל השמחה השרויה במעון הקודש

לרגל השמחה השרויה במעון הקודש באירוסי
הנכדה בת חדב"ן הרה"צ **רבי ברוך רובין** שליט"א
עם החתן הרב **שלום יוסף** שליט"א בן הרה"ג **ר' מנחם אלי' הכהן פריעד** שליט"א מראה"כ
באבוב-45 בן הגה"צ **גאב"ד קראסנא** זצ"ל

ברכת מזל טוב לכבוד הסבים כ"ק
**האדמו"ר מסוליצא** שליט"א, והגה"צ
**אב"ד שטראסבורג** שליט"א

ואנו תפלה שמשמחת בית צדיקים זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל,
וירוה כ"ק מרן שליט"א רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ונזכה עוד רבות בשנים
לחסות בצל הקודש, עדי נזכה שהוא יוליכנו קוממיות לארצנו, בב"א.







אפילו שפעטער אין פעסט ווען מ'איז געווען אין די שווייצע שוץ-הויז, וואו ס'זענען געווען דארט באהאלטן נאך הונדערטער אידן - דער טאטע ז"ל איז נישט געווען צו לאנג דארט, ער האט נישט געקענט דארט זיין צו לאנג - אבער דער טאטע ז"ל איז דארט געווען ממש לא פסיק פומיה מגירסא [ב].

**ר"י הגר"ש כץ**: ס'איז נתקיים געווארן ביים רבי'ן ז"ל דעם לולי תורתך שעשעי אז אבדתי בעניי (תהלים קיט, צב).

**הגה"צ דומ"ץ דקהלתנו שליט"א**: כ'געדענק אמאל ווען דער טאטע ז"ל איז געפארן צום לופטפעלד אויפ'ן וועג צו פלארידא לצורך בריאות, האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "נאר מיין גוף פארט; אבער די נשמה איז מיר אלץ דא".

דער טאטע ז"ל'ס חיות איז געווען צו זיין אין ישיבה מיט די בחורים, דאס איז געווען זיין סטאנציע; דער טאטע פלעגט זאגן: "אז די בחורים וועלן לערנען, וועט עס מיר געבן א שטיק בריאות".

**ר"י לעיקוואד**: ס'שטייט דאך אין די גמרא (תמיד לב.) הרוצה לחיות ימות את עצמו; פשט איז אזויווי ס'שטייט (במדבר יט, יד) זאת התורה אדם כי ימות באהל, דרשנ'ן חז"ל (ברכות סג:) אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה, דהיינו אז מ'לעבט נישט קיין חיי עולם הזה נאר מ'לעבט א חיי העולם הבא, לעבט מען דאך פון די תורה; ואם אתה עושה כן אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (על פי אבות ו, ד).

**דומ"ץ שליט"א**: דער טאטע ז"ל האט דאך געהאט אסאך יסורים ל"ע וואס ער האט מיטגעמאכט במשך זיין לעבן, אבער ווען ס'איז געקומען צום פארלערנען איז עס ממש אוועקגעגאנגען; ביי אים איז נתקיים געווארן אז די טבע איז ממש נתהפך געווארן ביי אים.

**מרן שליט"א**: ס'איז געווען אמאל גאר א שווערע הייסע טאג ביי הגאון דער חזון איש זצ"ל, האט דער חזון איש דעמאלטס געזאגט פאר הג"ר שמואל וואזנער זצ"ל בעמח"ס שבט הלוי אז ווען מ'לייגט זיך אריין אין תורה שפירט מען נישט גארנישט.

**ר"י הגר"ש כץ**: איך האב געהערט די מעשה פון מיין פעטער הרה"ג ר' אברהם אלי' וואזנער שליט"א רב דביהמ"ד שבט הלוי מודיעין עילית ת"ו, אז זיין טאטע הרב וואזנער פלעגט יעדן אינדערפרי אריינקומען צום חזון איש, און ס'איז געווען געפערליך הייס ס'איז נישט געווען קיין עיר-קאנדישען, איין טאג איז הרב וואזנער אריינגעקומען צום חזון איש, און הרב וואזנער האט אים געזאגט מיט זיין הברה: "הֵיינט איז נישט אויסצוהאלטן"... האט דער חזון איש געזאגט: "יא יא; אבער דאס איז נאר ביז ווילאנג מ'טוט זיך אריין אין די סוגיא"...

האט מיין פעטער געזאגט אז הרב וואזנער האט שפעטער געזאגט אז ס'שטייט אין פסוק (תהלים יט, ז-ח) ואין נסתר מחמתו תורת ה' תמימה משיבת נפש; די תורת ה' משיבת נפש איז אן עצה אויף דעם אין נסתר מחמתו...

דאס איז דאך אמת לאמיתו, ווייל טאמער איינער וויל האנדלען איבער א בנין אין מאנהעטן פאר אפאר ביליאן דאללאר, ווי הייס ס'זאל נאר נישט זיין וועט עס אים נישט אויסמאכן, ווייל ער איז אינגאנצן אריינגעטון אין דעם מקח.

נאך א מעשה איז געווען, אז הרב וואזנער איז איינמאל אריינגעקומען צום חזון איש און ער האט געטראפן דער חזון איש זיצן אינגאנצן איבערגעדעקט, און די אדערן זענען געווען ארויסגעשטעקט, האט זיך הרב וואזנער זייער דערשראקן, האט אים דער חזון איש געזאגט: "יעצט האב איך געדארפט מכריע זיין הלכה למעשה, און יעדע זאך האט מיר געשטערט, האב איך מיר געמוזט צודעקן כדי גארנישט ארום זאלן שטערן".

**ר"י לעיקוואד**: דער ווילנער גאון זצ"ל האט געלערנט אינמיטן טאג אין שטוב מיט פארמאכטע לאדנ'ס.

**ר"י הגר"ש כץ**: מ'זאגט נאך אז הגאון דער דובנער מגיד זצ"ל האט געפרעגט פונעם ווילנער גאון וויאזוי ער איז משפיע אויף יענעם, האט דער ווילנער גאון געענטפערט:

---

בקר, וזה אל זה שואלים וזה אל זה ממללים, מה נעשה עם האנשים האלה וכי אין הם מרגישים צרותיהם וצרות משפחותיהם שהובלו למקום הריגה, אבל באמת כן הי', דבאותה שעה שכחנו לגמרי היכן אנחנו, וכל זה הם פעולות כוחות הקדושה שהשרישו בתוכינו אבותינו ורבותינו הקדושים אשר בארץ המה.

**בענין** זה סיפר הרה"ח ר' אליעזר אשר אנשיל ערענפעלד שליט"א, שפעם בעת עריכת שלחן ה'מיטאג טיש' בביתו נאוה קודש ביום שמחת תורה, סיפר כ"ק מרן ז"ל מזכרונותיו של חג השמחת תורה במחנה העבודה שנת תש"ה, והתבטא אז מרן ז"ל: "ביידע האבן אנגעקוקט איינער די אנדערע ווי יצאו מדעתם; זיי האבן זיך געוואונדערט אויף אונז; "פארוואס טאנצן זיי, צו ווייסן זיי דען נישט אז זיי האבן אלעס פארלוירן". און אונז זענען געשטאנען און זיך געוואונדערט אויף זיי; "מ'האט דאך גארנישט דא, אונז האבן אבער דער הייליגער באשעפער". (מרשימות מוה"ר מנחם מענדל אבערלאנדער הי"ו).

**ב.** ראה בגליון בקודש פנימה (ויחי-שמות תשפ"ד) מה שסיפר הרה"ח ר' אברהם שמואל גראס ז"ל: בתחלה שהה כ"ק מרן ז"ל בבית מיוחד שהכינו בשבילו, אולם לא ארכו לו הימים שם, בעבור שמרן ז"ל לא היה יכול להתאפק והיה מרים בקולו, ובפרט בעת קריאת שמע, והיה שם בסכנה גדולה שלא ימצאו אותו שם, ולאחר ימים העבירו אותו לה'שווייצער שוץ-הויז' שברחוב 'וואדאס' שהיה תחת ממשלת 'שווייץ', שם נסתרו המוני יהודים; היה שם מקום למאתים וחמישים איש, אך התאכסנו שם מספר של שני אלפים יהודים, והבנין היה מלא וגדוש צר ודחוק, בלי מאכל ומשתה, ובלי צרכיים גשמיים הנצרכים לאדם מדי יום ביומו, וכל זה נגע מאוד למצב בריאותו של מרן ז"ל. על כן החלטנו להעביר את מרן ז"ל לבית הנזכר.

"נעם א כלי און לייג עס אריין אין א צווייטער כלי, און גיס אריין אזויפיל שמן ביז ס'וועט זיך איבערפולן און ארייגגיין אינעם צווייטן כלי"; דהיינו אז מ'פולט זיך אליינס אן, קען מען משפיע זיין פאר א צווייטן.

**ר"י לעיקוואד**: אזוי שטייט דאך אין חז"ל (קהלת רבה יא, ג) אם ימלאו העבים גשם על הארץ יריקו וגו', אם ימלאו תלמידי חכמים תורה על ישראל יריקו.

**דומ"ץ שליט"א**: דאכט זיך מיר אז ס'איז דא אן ענליכע ווארט וואס הגה"ק דער אונסדארפער רב זצוק"ל האט געזאגט אויף כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע, אז ווען אן אנגעפולטע כלי אויפ'ן פייער הייבט אן קאכן, גיסט זיך עס איבער, און דאס איז די יראת שמים וואס מ'האט געזען ביים ערוגת הבשם אינדרויסן, אז ס'האט געקאכט, ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן. אזוי געדענק איך הערן פון הרה"ח ר' אליעזר אברלאנדער ז"ל א תלמיד פון אונסדארפער רב.

**ר"י הגר"ש כץ**: מיין זיידע הגה"צ רבי אברהם שלמה כ"ץ זצ"ל דער ריסקאווער רב איז געווען א תלמיד מובהק פונעם ערוגת הבשם, ער איז אוועק ערב פסח תשל"ה, מ'האט דעמאלטס געמאכט א גרויסע הספד אויף אים דא אין וויליאמסבורג, און מיין טאטע הגה"צ רבי שמואל אבא (צימרינג) זצ"ל אב"ד ביוולאוואר-פאראקוועי [חתן הגה"צ מריסקאווע זצ"ל] איז געווען איינער פון די מספידים.





שישו ושמחו בשמחת התורה
והגית
סיום מסכת
נדרים
והתחלת מסכת
נזיר
בשבתא דרגלא
נאום הכבוד שב"ק אחצ"ה
הרה"ג מאיר צוריבל שליט"א
הרב צבי ניישלאס שליט"א
מקהלת בית פאפא
חגיגת הסיום
בעיר בארא פארק
חגיגת הסיום
בעיר לינדען
חגיגת הסיום בעיר מאנסי
יתקיים אי"ה אתר יו"ט
ביום א' קדושים




והגית
סיום מסכת נדרים • התחלת מסכת נזיר
גמרא
גמור
זמורתא
תהא
א גמרא
שפה ברורה
וועט אי"ה
געטיילט ווערן
ביים ארויסגיין
פון ביהמ"ד הגדול
מוצאי שב"ק
נאך תפלת מעריב

האט מיין טאטע ז"ל דערציילט אז דער ריסקאווער רב איז דאך געווען א מוהל, אבער סוף ימיו זייענדיג א איד פון נייינציג יאר האט ער שוין נישט געמ'לט, דערפאר האט ער זיך אפגעשניטן די נעגל וואס דער מוהל לאזט איבער.

עטליכע וואכן איידער די פטירה איז דער ריסקאווער רב אויפגעשטאנען אינדערפרי און דערציילט אז זיין רבי דער ערוגת הבשם איז אים געקומען אין חלום און געזאגט אז ווען מ'קומט ארויף צום עולם העליון איז גלייך ארויפצוקומען מיט די מוהל-נעגל, און צוויי וואכן שפעטער איז ער נסתלק געווארן.

מיין זיידע דער ריסקאווער רב איז נפטר געווארן ערב פסח, און שבת הגדול האט ער נאך געזאגט א דרשה פון א שעה צייט, ער איז געווען געזונט און שטארק ביז'ן פטירה

פון אנדערע האב איך געהערט, אז עטליכע יאר פארדעם האט מען געשמועסט ביים ריסקאווער אז הגה"צ רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל רבה של ירושלים איז נפטר געווארן ערב סוכות, האט זיך מיין זיידע אנגערופן: "איך וואלט אויך אזוי געוואלט נפטר ווערן; ווייל איך וויל נישט מטריח זיין מיט די אבילות", און אזוי איז טאקע געווען, אז ער איז נפטר געווארן ערב פסח.

מיין זיידע איז געווען זייער אדוק אינעם ערוגת הבשם; ער פלעגט צו זאגן אז ער האלט אז צוויי זאכן האבן אים



מערכת קהלת יעקב

קו אנ״ש חסידי פאפא

ערבי פסחים תשפ״ד לפ״ק

# ויהי ה׳ את יהוש״ע

ברון שיר ושבח שפתותינו ממלמלים, בשמחתו של ידידנו הנחמד איש חי ורב פעלים, למען בית פאפא מסור ונאמן באש ובמים, אומר מעט ועושה הרבה ומקיים, עושה מלאכתו הנאמנה במים רבים אדירים, חובר חיבורים מחוכמים, אמיץ כח ורוב אונים, רץ כצב״י לעשות רצון אבינו שבשמים, ולדלות ולהשקות אלפי צמאי חסידי פאפא ממקור באר מים חיים, זוכה ליטול חלק בראש בגילוי האור הטהורה של תורת כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א המאיר ככוכבים, שיפוצו מעיינותיו חוצה באפסי תבל ובמרחקים, בחכמה פותח שערים, כי הלא כולם ממימיו שותים, ה״ה

**ידידנו היקר העסקן הנמרץ**

# הרה״ח ר׳ **יהושע הכהן פריעדמאן** הי״ו

## עורך ראשי במערכת קהלת יעקב

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו בהולדת בנו למזל טוב

**אשריך ומה טוב חלקך! על הזכי׳ הגדולה שנפלה בחלקך לזכות אלפי אנשי שלומינו מדי שבוע בשבוע עם אור חדש ובהיר, אשר כל הרואה אומר ברקאי! ומה טוב גורלך! להיות מבין מזכי הרבים עם אור תורת רבותינו הק׳, ולהכניס קורת רוח ותענוג רוחני בקרב אלפי חסידי פאפא ברחבי תבל!**

ברכת מזל טוב לכבוד אביו ידידנו הר״ר **שמואל בנימין פריעדמאן** הי״ו נדבן **מדור ׳דברות קודש׳** בספר ׳גליוני בקודש פנימה׳

ולכבוד חותנו ידידנו העומד לימין המערכת בכל עת ועונה הרב **אהרן צבי ברילל** שליט״א מנהל דת״ת וגבאי בית מדרשנו מאנסי

ברכותינו צרופות בזה מול פי שוכן מעונה, שתזכה לראות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו״ח בכל עת ובכל שעה, ה׳ אלקים יעמוד לימינך בכל מעשיך, ויאר פניו אתך סלה, ה׳ ינחנו בדרך נכונה, להרבות ולהפרות כח הקדושה, ותזכה להמשיך בפעולותיך, להכניס בבתי חסידים ואנשי מעשה שמחה ואורה, אך טוב וחסד ירדפוך, שלום ושלוה ישכון באהליך, עושר ואושר יריצו אחריך, כל השפעות טובות מתוך נחת והרחבה, עדי נזכה שיתרומם קרן התורה והחסידות במהרה, ובקרוב נעלה לציון ברנה, אימתי קאתי מר לכשיפוצו המעיינות חוצה, עם מלכנו כבוד קדושת מרן רבינו בראשנו ברוב חדוה גילה ודיצה.

**המברכים מקרב הלב עם רגשי הכרת הטוב**

ידידיך הנאמנים

צבי חיים וועבער    דוד שפיטצער

**במערכת ׳בקודש פנימה׳**

געהיטן אז ער זאל ניצול ווערן ביי די מלחמה, פון איין זייט האט ער געהאט א בריוו פון הרה"ק צאנזער רב זי"ע - פארשטייט זיך אז ס'איז נישט געווען געשריבן צו אים - און פון די אנדערע זייט האט ער געהאלטן א בריוו וואס ער האט באקומען פונעם ערוגת הבשם, און ער האלט אז די צוויי חפצי קודש האבן אים געהיטן.

איך האב קיינמאל נישט געהאט די קוראזש אים צו פרעגן וואס ס'איז געשטאנען אינעם בריוו, הייניגע יונגעלייט ווואלטן שוין זיכער געפרעגט... אבער הרה"ח ר' משה מיללער ז"ל האט מיר געזאגט אז ער האט געזען דעם בריוו פונעם ערוגת הבשם, און ס'שטייט דארט אזא לשון:

"לאו בכל יומא מתרחיש כבשם הזה"; אזוי האט דער ערוגת הבשם געשריבן אויף מיין זיידן.

**מרן שליט"א:** אונז האבן אלץ געוואוסט אז דער טאטע ז"ל איז געווען אלס קינד איין מאל ביים ערוגת הבשם פאר'ן הסתלקות, דער ערוגת הבשם איז אוועק ערב שבת חזון, און דער טאטע ז"ל איז דארט געווען יענע וואך; אבער מיין פעטער הרה"ח ר' עמרם גרינוואלד ז"ל האט דערציילט אז דער טאטע ז"ל איז דארט געווען נאכאמאל. ס'קען זיין אז היות דער טאטע ז"ל איז נאך געווען א קליין יונגל האט ער אליינס נישט געדענקט אז ער איז דארט געווען נאכאמאל; ר' עמרם איז דאך געווען עלטער ווי דער טאטע ז"ל, ער איז געווען דער עלטסטער אייניקל פון ערוגת הבשם.



ביהמ״ד קהלת יעקב דחסידי פאפא | שכונת סאוט קאל

במפתח בבא, מזלא טבא וגדיא יאה, משמי מרומם עילאה, בלב הומה מלא, נגיל ונשיש בשובע שמחות, נביע איחולינו ברכות רבות ונאמנות, מול מעלת כבוד ידידנו הרבני התורני הנכבד, איש חי ורב פעלים למען הפרט והכלל, ובמיוחד למען כל קדשי בית חיינו בכל הסניפים ופעולותיו הק׳, רודף צדקה וחסד, עושה ומעשה בכל נימי נפשו, מוקיר ומחשיב רבנן ותלמידיהון, ואיהו גופא חד מינהון, מקבל כל אדם בצהלת פנים, אין גומרים עליו את ההלל, ה״ה

**העסקן הנמרץ**

# הרה״ח ר׳ יוסף שפיטצער הי״ו

**בונה ומקים בית מדרשנו המפואר**

**לרגל שהשמחה במעונו בהגיע עת משוש שמחת**
**קישור החיתון של בתו הכלה תחי׳**

עם החתן החשוב והמושלם, המופלג בתוי״ש, מפורסם
בכל מדה נכונה, כמר **יצחק יוסף ברילל** הי״ו

ממצוייני תלמידי ישיבתנו הק׳ מתיבתא קרית פאפא

בן ידידנו החשוב, ותיק וחסיד, איש האשכולות, ומחנך נפלא, איש חי ורב פעלים לכל קדשי בית חיינו, העומד לימין הקודש של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א בכל קדשי קהלתנו ומוסדותינו הק׳ במסירות נפלאה, ובמיוחד מסר עצמו בכל לב ונפש למען הקמת בית מדרשנו סאויט-קאל בנאמנות רבה, ה״ה

## הרב אהרן צבי ברילל שליט״א

**מנהל דת״ת וגבאי נאמן דבית מדרשנו המרכזי פה מאנסי**

**בהאי שעתא יזכר לטובה את מעשי תקפו וגבורתו של ר׳ יוסף, הוא הגבר אשר עמד לימין קדשו של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א בהקמת השטיבל החדש, וגם הוסיף ידו להרים סכום אדיר בנדבת לבו הטוב, ובעזרתו העצומה זכינו להעמיד הבנין על תילו, וגם עומד להלאה בראש כל עניני השטיבל במסירות ונאמנות**

יהי רצון מן שמיא שיהיה קשר של קיימא ובנין עדי עד, והבית החדש הזה יהיה מלא אורה ושמחה, ויזכו כולם לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, ולראות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו״ח מתוך עושר ואושר, וימשיכו בפעלם המרובים ביתר שאת ויתר עוז, עדי נזכה במהרה לבנין בית המקדש עם מלכנו בראשנו אמן.

**השמחים בשמחתם ומברכים לעומתם בשם כל הקהל הקודש**

**גבאי השטיבל אנ״ש מתפללי השטיבל**

ר' עמרם איז מיין פעטער דורך מיין רביצין; ווייל ר' עמרם איז געווען ברודער פון מיין שווער הגה"ק רבי מאיר מטעטש זצ"ל [בני הגה"ק רבי אברהם יוסף מאונגוואר זצוק"ל בנו בכורו של מרן הערוגת הבשם זי"ע].

**א' הרבנים:** ס'איז דאך באשריבן ווי די קינדער זענען דארט געווען פאר די פטירה. פון אונגוואר איז געקומען א גאנצע קבוצה קיין חוסט, ס'איז געווען אן אינטערעסאנטע מעשה אין אונגוואר, אז די תלמידים וואס האבן געוואוינט אין אונגוואר האבן געהאט א שיעור יעדע צופרי פינף אזייגער פארטאגס, די טאג פונעם פטירה אנקומענדיג אין בית המדרש האבן זיי געזען אז אלע ספרים זענען איבערגעדרייט, און זיי האבן נישט געוואוסט וואס דאס מיינט.

ביז איינער האט זיך אנגערופן: "לאמיר גיין קלינגען אויף חוסט צו הערן וואס דער רבי מאכט". אבער ס'איז נאך געווען צוגעשפארט דאס געשעפט וואו מ'האט געקענט קלינגען, האבן זיי געווארט ביז אכט אזייגער, אבער ווען זיי האבן געקלינגען קיין חוסט, איז דער געשעפט אין חוסט נאכנישט געווען אפן, אזוי האט גענומען צייט ביז זיי האבן באקומען די ידיעה איבער די פטירה.

ווי נאר זיי האבן באקומען די ידיעה איבער די פטירה זענען זיי נישט געגאנגען דאווענען נאר תיכף געפארן קיין חוסט, און זיי זענען נאך אנגעקומען צו כאפן ממש א קליין חלק פון די לוי'.

**מרן שליט"א:** דער טאטע ז"ל שרייבט (הקדמה לספה"ק ויקרא) אז דער חיד"א ברענגט אין שם הגדולים אז דער רמב"ם האט זיך פאררופן אלס א תלמיד פונעם ר"י מיגאש; לכאורה ס'שטימט דאך נישט, וויאזוי קען דער רמב"ם זיין א תלמיד פונעם ר"י מיגאש? נאר ווען דער רמב"ם איז געווען א קינד האט אים דער ר"י מיגאש געבענטשט; האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "די זעלבע זאך בין איך א תלמיד פונעם ערוגת הבשם".

דער טאטע ז"ל איז געווען א קינד פון זעקס-זיבן יאר, און ער איז געווען פאר די פטירה ביים ערוגת הבשם, און דער ערוגת הבשם האט אים געבענטשט[ג].

דער ערוגת הבשם האט דעמאלטס געפרעגט פונעם טאטן ז"ל: "וועלכע סדרה גייט די וואך?" האט דער טאטע ז"ל געענטפערט: "דברים". האט דער ערוגת הבשם געפרעגט: "וועלכע סדרה איז געווען פאריגע וואך?" האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "מסעי". דער טאטע איז דאך געווען א קליין קינד, האט דער ערוגת הבשם אים געפרעגט מיט אזא שפראך: "ווען האט זיך געענדיגט פרשת מסעי, און אנגעהויבן פרשת דברים?"...[ד]

**א' הרבנים:** דער רבי ז"ל האט טאקע געזען דער ערוגת הבשם אלס קליין קינד, אבער ער האט געדענקט זיין צורה[ה].

*

**הגה"צ רבי נחום מאיר גערמאן שליט"א ר"י באבוב:** די גמרא רופט אן א מאמע שכינה הק', די גמרא אין קידושין זאגט (לא:) רב יוסף כי הוה שמע קל כרעא דאמיה אמר איקום מקמי שכינה דאתיא.

**מרן שליט"א:** חוץ דעם וואס ס'ווערט אנגערופן אזוי, מ'זעט דאך אז די שכינה ווערט אנגערופן אימא עילאה, איז פשט דערפון אז ס'איז א הרגשה; די אופנים וויאזוי א קינד איז נאנט צו די מאמע איז מער מיט די הרגשה, א טאטע איז אויך א קשר פון רחמנות כרחם אב על בנים, אבער ביי די מאמע איז די נאנטקייט מער א בחינה פון הרגשה, ווייל פון א טאטע לערנט מען תורה, דער טאטע איז מחנך, אבער א מאמע לערנט דאך נישט קיין תורה, איז זי מחנך אז מ'זאל זאגן 'מודה אני' און מ'זאל מאכן ערליך א ברכה, זי איז בעיקר מחנך אויף די ענינים שכליים, מ'איז מקבל די אלע השגות פון די מאמע, וואס דאס אלעס איז מער אן ענין פון הרגשה, דאס אז די מאמע זאגט מיט א ווארעמקייט: "מאך ערליך א ברכה", דאס איז מער א קירבות אין די הרגשה.

דאס זעלבע איז מיט די שכינה הק', אפילו אידישע קינדער זענען נישט משיג, אונז האבן דאך נישט קיין השגות ווייל

---

**ג.** ראה לשון קדשו של כ"ק מרן ז"ל בהקדמה לספה"ק ויגד יעקב ויקרא: ואנא זעירא כד הוינא טליא הביא אותי אאמו"ר זצ"ל אל מטתו של כ"ק אא"ז הערוגת הבשם בחליו ג' ימים לפני פטירתו לקבל ברכתו, והיה מהדר אא"ז זצ"ל לקיים בי הכתוב והודעתם לבניך ולבני בניך, ובחן אותי בלימוד מקרא ומשנה, ואאמו"ר זצ"ל אמר לי שאלה הדיבורים היו דברי תורה האחרונים שדיבר ברבים, ומאז והלאה הי' רק רחושי מרחשין שפתיו, ואז בירך אותי בידיו הקדושות, ויה"ר שאזכה שיתקיימו ברכותיו, ולא נבוש ולא נכלם מאבותינו, והראה לי אאמו"ר זצ"ל על זה מש"כ הגאון החיד"א בס' שם הגדולים (מערכת מ' אות ק"נ) דהרמב"ם קורא להר"י מיגאש רבו, אף דהרמב"ם היה רק שבע שנים בשעת פטירתו, משום שהר"י מיגאש ברכו קודם פטירתו והי' קבוע בלב הרמב"ם ואביו שברכת הרב מהר"י מיגאש ז"ל עשתה פירות.

**ובספר** שיחות יקרות ויחי יוסף (עמוד רפא) מובא מה שסיפר פעם כ"ק מרן ז"ל, שמרן הערוגת הבשם ביקש אז ממרן ז"ל שיתפלל בעדו לרפואה שלימה, והראה לו בסידור את היהי רצון שאומרים בברכת 'רפאנו'.

**ד.** לפי גירסא אחת סיפר פעם מרן ז"ל שהשיב על זה: "שבת ביי מנחה", ולפי גירסא אחרת סיפר מרן ז"ל שהשיב על השאלה: "נאך הבדלה".

**ה.** סיפר מוה"ר נחום ברע"י גרינוואלד הי"ו חבר הנהלת קהלתנו מאנסי: פעם אחר עריכת שלחן הטהור ז' מנחם-אב לרגל הילות מרן הערוגת הבשם זי"ע במחנה קהלת יעקב, בדרך לביתו נאוה קודש, שאל חדב"ן הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א את כ"ק מרן זצוק"ל אם עוד זוכר את צורת קדשו של מרן הערוגת הבשם, נענה מרן ז"ל עם תנועה בידיו: "עפעס געדענק איך נאך; איך געדענק נאר אביסל, נאר דער גרויע בארד". (מרשימות מוה"ר מנחם מענדל אבערלאנדער הי"ו).

אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף, אבער אף על פי כן שפירט זיך א הרגשה אז מ'איז נאנט צום אויבערשטן; ס'קען זיין אז דאס איז די בחינה.

**הגרנ"מ גערמאן:** דער ענין פון השכן אתם בתוך טמאתם (ויקרא טז, טז) זעט זיך אן שטארק ביי די מאמע, טאמער דאס קינד פארשמירט זיך וועט דער טאטע תיכף איבערגעבן דאס קינד פאר די מאמע אז זי זאל עס רייניגן וכו'.

**מרן שליט"א:** דער ערוגת הבשם האט דאך געשריבן אין די צוואה אז מ'זאל אים מזכיר זיין מיט די נאמען פון די מאמע "משה בן אסתר". ס'איז דא אויף דעם פארשידענע טעמים, איינער פון די טעמים איז, ווייל דער ערוגת הבשם איז דאך געווארן א יתום ביי די זיבעצן יאר און ער האט איבערגענומען די פרנסה אין שטוב; אבער מ'דארף דאך לערנען, וואס וועט זיין די תכלית... האט אים די מאמע אויפגעוועקט יעדן טאג צוויי אזייגער פארטאגס אז ער זאל גיין לערנען, האט דער ערוגת הבשם געהאלטן אז ס'איז אלעס אין איר זכות[ו].






ו.. עיין בהצוואה הק' הכנה דרבה (אות לה) שכותב שם שיזכירו בלימוד משניות לעילוי נשמת משה בן אסתר. ועיין מה שכתב הגה"ק מצעהלים זצוק"ל בשו"ת מגדלות מרקחים (יו"ד סימן עז): מה שתמהת על כ"ק אאמו"ר זצ"ל שכתב שם אמו, הוא מטעם הכמוס. הנה אביו היה תלמיד חכם גדול צדיק ותמים, ועיר מונקאטש שמו עיניהם עליו לשום עליו כסא הרבנות, אבל לא רצה כי היה לו גדר שלא לקבל על שכמו כסא רבנות, והיה לו מסחר גדול של בוי' מאטעריאל [חומרי בניה], ומזה היה מתפרנס, אבל בעוה"ר שבק לן חיים בעודו צעיר לימים ולא הגיע עוד לשנת הארבעים, והניח אחריו עשרה יתומים, ואבי זצ"ל היה הבכור, והיה אז כבן שבע עשרה שנה ועליו היה מוטל לנהל העסק, ואמו ע"ה היתה שומרת עליו בכל לילה שעה ב' באשמורת שיקום ללמוד, ואמר שתורתו היא של אמו, כן שמעתי ממנו, ועל כן היה ברצונו להזכיר עליו שם אמו.

**וראה** מה שכתב הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל ראה"כ דחסידי פאפא במאמרו בספר הבשם והשמן (עמוד שלח): ושמעתי מפי כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק הויגד יעקב זצ"ל שאמר בליל שבת לפני ז' אב שהוא יומא דהילולא, על ענין פלא שכתב בספר הקדוש הכנה דרבה (דף עט אות לה), שביקש מבניו ותלמידיו שילמדו אחר פטירתו משניות לטובת נשמתו, ויאמרו שהלימוד יהיה לטובת נשמת משה בן

ס'איז טאקע געווען אמאל א מעשה מיט זיין מאמע, אז ס'איז פארגעקומען אן אסיפת הרבנים אין די קאנצעליי, און די מאמע איז דאך געווען אלמנה, און דער ערוגת הבשם האט באקומען א ידיעה אז די מאמע רופט אים: "כ'האב דיר שוין לאנג נישט געזען, קום אריבער צו מיר".

האט דער ערוגת הבשם געשטעלט א שאלה פאר די רבנים: "וואס טוט מען דא? מ'דארף מקיים זיין כיבוד אם, און מ'האלט דא אינמיטן דן זיין מיט די רבנים פארשידענע וויכטיגע ענינים", האבן זיי גע'פסק'נט אז ער זאל גיין מקיים זיין כיבוד אם, איז דער ערוגת הבשם געפארן צו די מאמע, ער איז דארט געווען פאר צוויי וואכן, ער האט ארויסגעשיקט אלע משרתים אז יעדער איינער זאל גיין, און ער האט אלעס אליינס געטון, געוואשן וועש וכו', ער האט נישט געלאזט קיינעם גארנישט טון.

מ'רעדט דא פון א גרויסע מרביץ תורה, פון די גרעסטע בדורו, ער זיצט צווישן די רבנים און מ'איז דן ערנסטע זאכן, און אז ס'קומט בריוו פון די מאמע אז מ'זאל קומען האט ער דאס געטון!

מ'דארף טאקע לערנען משניות פאר'ן פעטער הגה"ק מצעהלים זצוק"ל; היינט כ"ז ניסן איז די יארצייט.

*

**הרה"צ רבי חיים מאיר האגער שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א:** דער רבי ז"ל האט זיך אסאך געטראפן מיט'ן זיידן כ"ק האדמו"ר האמרי חיים מוויזניץ זצ"ל און כ"ק האדמו"ר הישועות משה מוויזניץ זצ"ל.

**מרן שליט"א:** יא יא, אודאי. איך געדענק נאך ווען דער אמרי חיים איז דא געווען אין וויליאמסבורג, ער איז דא געווען צוויי מאל שנת תשי"ד און שנת תשי"ח; דער טאטע ז"ל איז דעמאלטס געגאנגען צו אים.

**הגרח"מ האגער:** דער רבי געדענקט נאך אויך ווען דער אמרי חיים איז דא געווען תשי"ד?

**מרן שליט"א:** יא, כ'געדענק עס; שנת תשי"ח איז דער אמרי חיים איינגעשטאנען ביי הג"ר אברהם ניסן ניימאן (שליט"א [ז"ל] דומ"ץ וויזשניץ, כ'געדענק אז מ'האט געדאווענט ערב שבת פרי מנחה.

איך געדענק די טיש פרייטאג צונאכטס שנת תשי"ח, דער אמרי חיים האט געטאנצן ביי לקל אשר שבת מכל המעשים, שבח יקר וגדולה [ז]. הרה"ח ר' בן ציון טאבאק ז"ל האט געזינגען קה אכסוף. דער אמרי חיים איז געטאנצן מיט אזא מין ברען!

כ'געדענק אויך דער זיידע דער ישועות משה דא אין שטאט, ער האט אמאל געהאלטן א דרשה שבת נאכמיטאג אין וויזשניצער בית המדרש אויף ליע עווניו.

אויך געדענק איך דער אמרי חיים אין ארץ ישראל, ער איז נישט געווען אינדערהיים, ער איז געווען אין א האטעל אויף אן אפרו-ארט; איך געדענק נאך וואס דער אמרי חיים האט דעמאלטס געזאגט [ח].

דער טאטע ז"ל איז אויך געווען א שבת ביי הרה"ק האהבת ישראל מוויזניץ זי"ע אין גרויסווארדיין; ווען דער טאטע האט זיך געזעגנט מוצאי שבת האט אים דער אהבת ישראל געוואונטשן בלשון הפסוק (בראשית לט, ב) ויהי ה' את יוסף ויהי איש מצליח.

**הגרח"מ האגער:** פון וואו איז דער רבי ז"ל געקומען צו פארן קיין גרויסווארדיין?

**מרן שליט"א:** פון שטאט סאטמאר, דארט האט ער געוואוינט אלס יונגערמאן; דער טאטע ז"ל איז געווען אויפ'ן וועג קיין פאפא און ער האט אויסגערעכנט צו זיין אויף שבת דארט.

---

אסתר ע"ה (ולא משה בן עמרם), אף שמנהג חסידים להזכיר אחר הפטירה שם האב, ואמר שאפשר מרוב ענותנותו של אביו הערוגת הבשם חשש דכשיזכירו משה בן עמרם יהיה הכל לזכות משה רבינו, שעל ידו קבלנו תורה בסיני, לכן ביקש שיאמרו בפירוש משה בן אסתר, ועל ידי זה יזכה גם הוא שיפקד לטובת נשמתו, והבן.

**ז.** ויצוין שבשב"ק במדבר שנת תשפ"ג לפ"ק, כשערך כ"ק מרן שליט"א את השבת ההיסטורי שבת 'כינוס העמודים' במסגרת מסע התורמים לעיר סאטמאר יע"א לרגל הילות מרן הקרן לדוד זי"ע, אזי אחר הריקוד 'רננו צדיקים' אחר שלחן הטהור ליל שב"ק, התתחיל מרן שליט"א באופן נדיר את השיר 'שבח יקר וגדולה', ואחר הריקודין אמר מרן שליט"א להסובבים: "דאס דערמאנט מיר פונעם וויזניצער רבי דער אמרי חיים, ווען כ'בין דארט געווען ביים טיש".

**ח.** ראה ספר בקודש פנימה חלק א' (עמוד תעז): כ"ק מרן שליט"א נתלוה אל אביו כ"ק מרן זצוק"ל בעת שביקר מרן ז"ל במעונו של האמרי חיים ז"ל ביום ב' פ' מטות-מסעי שנת תשכ"ד לפ"ק. מרן ז"ל היה אז בדרך מירושלים עיה"ק לטבריא ליקח המרחצאות לרפואה, והאמרי חיים התעכב אז במלון בעיר נתניה לצורך רפואה, ומרן ז"ל עלה אצלו לבקרו. האמרי חיים קיבל את פני מרן ז"ל בשמחה רבה, וכיבד את מרן ז"ל בפירות.

**האמרי** חיים אמר למרן ז"ל אימרא בשם הרה"ק מבוטשאטש זי"ע [וכן מתאמרה משמו של הרה"ק רבי מאיר'ל מפרימישלאן זי"ע ועוד], על הפסוק (שמות כה, ב) ויקחו לי תרומה ופירש"י לי לשמי, וי"ל שתיבת תרומ"ה בגימטריא כמנין רפ"א של"ם, וחסר מתיבות אלו את ו' ה' של תיבת 'רפואה', ואת י' ה' של תיבת 'שלימה', וזהו כוונת רש"י ויקחו לי תרומה, ויקחו לי לשמי, שתקחו את אותיות שם הוי"ה של ותצרפו אותם למנין תרומ"ה, ואז תעלה הגימטריא רפוא"ה שלימ"ה.

**בתוך** השיחה הזכיר האמרי חיים את עצמו לפני מרן ז"ל לרפואה שלימה, וכן מרן ז"ל הזכיר את עצמו לפני האמרי חיים לרפואה שלימה. האמרי חיים ביקש ממרן ז"ל שיאחל לו "וכן למר מתוק", והטעים שכן היה אביו הרה"ק האהבת ישראל זי"ע נוהג, כי תיבת "למר" יש בה גם כוונה של רע ומר, ולכן דקדק לאחל "וכן למר מתוק"...

**מעוניין** להוסיף, שכשיצא מרן ז"ל מהמלון בנתניה, ראה את הים הגדול השוכנת לחוף המלון, ומרן ז"ל בירך את הברכה 'עושה מעשי בראשית', וכן צוה למרן שליט"א לברך. (בשם א' הנוכחים).



קשה כקריעת
ים סוף
שביעי של פסח
יום המסוגל לשידוכים
וועלן מיר בכח תהלים דרבים שפאלטן דעם
רוישענדע ים, פאר אלע וואס דארפן א שידוך
אנשי שלומינו בכל
אתר ואתר וועלן
הונדערטער מאל
אויסזאגן תהלים
דעם שביעי של פסח
טייערע אידן
אנשים נשים וטף
נישט יעדער קען אפשר
בפועל זיין א שדכן...
אבער אויספועלן א זיווג פאר
א צווייטן קען יעדער, דורך די
גרויסע כח התפלה וואס מיר
פארמאגן - כוחינו בפה!
ובפרט שביעי של פסח, שטייט
אין ספרים איז א ספעציעלע
שעת רחמים ועת רצון צו
אויסבעטן שידוכים!
שלימה אייך און
מ'וועט אויסטיילן במשך יו"ט וחוה"מ
בבתי מדרשינו ספעציעלע "תהלים מחולק"
- נעמט אהיים פאר זיך אין די משפחה
גשר לקשר
929.992.3824
תפלת רבים – שביעי של פסח
פילע הונדערטער מאל
תהלים לזכות כל אנ"ש
המצפים לזיווגים בקרוב

די הנהגה פון פאפא מיט וויזניץ-גרויסוואַרדיין איז דאך מיט אן אנדערע נוסח... דער טאטע ז"ל איז געווען צוגעוואוינט צו די בעלזא נוסח... דער טאטע ז"ל איז געווען צוגעוואוינט פון בעלזא אז מ'דאווענט מער שפעט מנחה, איז ער אנגעקומען דארט שפעט צו מנחה, און דער אהבת ישראל האט געזאגט אז מ'זאל אים לאזן דאווענען [ט].

**הגרח"מ האגער:** דאס איז געווען אלס בחור?

**מרן שליט"א:** ניין, דאס איז שוין געווען אלס יונגערמאן.

**הגרח"מ האגער:** ער האט געגעסן ביים אהבת ישראל? ס'איז דא עפעס וואס מ'ווייסט איבער דעם?

**מרן שליט"א:** דאס האב איך נישט געהערט; אבער דאס ווייסט מען אז ער האט געוואלט זיין א שבת ביים אהבת ישראל.

**הגרח"מ האגער:** דא אין אמעריקא האט זיך דער רבי ז"ל אויך געטראפן מיט'ן אמרי חיים?

**מרן שליט"א:** יא אודאי; דער טאטע ז"ל איז געגאנגען צום טיש פון אמרי חיים, און דער אמרי חיים איז צוריק געקומען אויף א באזוך צום טאטן ז"ל.

ווען דער טאטע ז"ל איז נישט געזונט געווען שנת תש"ט אין אנטווערפן האט דער אמרי חיים געזאגט צווי רמזים אויף'ן טאטן ז"ל'ס נאמען [מרן י'וסף ב'ן ש'רה ר'בקה], ס'איז נוטריקון ר'בי ש'מעון ב'ר י'וחאי, און ס'איז נוטריקון יבש"ר.

ווען דער אמרי חיים איז געקומען מבקר חולה זיין דעם טאטן ז"ל אין אנטווערפן, האט ער געטייטשט אז די גמרא זאגט (בבא מציעא ל:) ילכו זה ביקור חולים; לכאורה פארוואס מיינט 'ילכו' ביקור חולים. האט דער אמרי חיים געזאגט אז אמאל זעט מען אז די חולה שפירט זיך נישט גוט און מ'קען נישט דארט לאנג זיצן, דארף מען וויסן אז 'ילכו', מ'דארף שנעל גיין.

דער טאטע ז"ל איז געווען אין שפיטאל עטליכע וואכן, און יעדן טאג האט דער אמרי חיים געשיקט א שליח פרעגן פון טאטן ז"ל וויאזוי ער שפירט זיך, דאס איז געווען יעדן טאג ממש מידי יום ביומו [י].

---

**ט.** ראה בספר הימנותא דשלמה (עמוד רעג) מרשימות הגה"ח ר' שלמה מאנדל ז"ל: פעם כשנסע מרן זצ"ל אל אביו זצ"ל לפאפא על חג הפסח, נסע דרך גרויסווארדיין לשבות אצל הרה"ק מהר"י מוויזניץ זצ"ל בעמח"ס אהבת ישראל, ורבינו התפלל תפלת מנחה מאוחר קצת, והיות שבוויזניץ הקפידו להתפלל קודם השקיעה לא היתה דעת החסידים דשם נוחה מזה, ואמר להם הרה"ק מוויזניץ זצ"ל בצחות: "מה כל הרעש? הלא עדיין אינו ודאי לילה ורשאין להתפלל".

**י.** ראה ספר בקודש פנימה חלק א' (עמוד תעד) מה שסיפר הרה"ח ר' יודל פעדער ז"ל: ידוע שבשנת תש"ט לפ"ק כשכ"ק מרן זצוק"ל היה דר באנטווערפן, נחלה מרן ז"ל קשות. בליל שבת קודש שבת שובה באמצע התפלה החל מרן ז"ל להרגיש כאבים גדולים, מיד התקשרו אל רופא, והרופא אמר שמרן ז"ל שרוי בסכנה גדולה מאוד עקב מחלת ה'אפידיציט' במעיו ל"ע. מרן ז"ל הובהל לבית החולים באופן דחוף, ועמד לעבור ניתוח קשה.

**באמצע** עריכת השלחן של כ"ק האדמו"ר האמרי חיים מוויזניץ זצ"ל ששהה אז באנטווערפן, הגיע הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל לשלחנו, וסיפר להאמרי חיים השתלשלות הדברים ושהצורך למרן ז"ל לעבור ניתוח קשה.

**האמרי** חיים שאל לשמו של מרן ז"ל, נענה הגה"צ הרב ממאנטרעאל לשמו של מרן ז"ל "מרן יוסף בן שרה רבקה", הגיב האמרי חיים: "י'וסף ב'ן ש'רה ר'בקה, איז דאך די זעלבע ראשי תיבות ווי ר'בי ש'מעון ב'ר י'וחאי! איז עס דאך מסוגל לרפואה". והוסיף האמרי חיים לומר: "אויב ס'איז מעגליך זאל ער אליינס אינזין האבן בשעת'ן באהאנדלונג די ר"ת פון רשב"י, טאמער נישט זאלן עס די גוטע פריינט אינזין האבן".

**במשך** הזמן הוחמר המצב של מרן ז"ל עד מאוד. גם התרופות שנתנו למרן ז"ל גרמו לו יסורים קשים מנשוא. פעם אף אירע שאחר שלקח מרן ז"ל את התרופות הרגיש בנפשו שעוד מעט נשמתו בו ה"י, עד כדי כך שצוה מרן ז"ל לקרוא להגה"צ הרב ממאנטרעאל ומסר לו דבריו אחרונים בתורת דברי צוואה.

**במשך** אותה תקופה הגיע האמרי חיים לבקר את מרן ז"ל פעמיים, פעם בתחלת המחלה, ופעם בסופה. אולם חוץ מזה התעניין האמרי חיים בכל יום ויום במצבו של מרן ז"ל. בכל יום ויום אחר תפלת שחרית כשנכנס האמרי חיים לחדרו, שאל: "וואס מאכט דער סאמבאטעלי רב?" (כך קראו אז את מרן ז"ל). ואני דאגתי בכל יום ויום להביא את החדשות להאמרי חיים.

**יום** אחד אירע שלא ידעתי שום חדשות ממצבו של מרן ז"ל, וכששאל אותי האמרי חיים אודות מצבו של מרן ז"ל עניתי שאיני יודע. נענה האמרי חיים: "נו, אפשר קלינגסטו צום שפיטאל הערן דעם מצב". מיד התקשרתי אל בית החולים, והרה"ח ר' מרדכי אהרן חיים מענצער ז"ל הרים את הטלפון, ואמר לי שכעת מתקיימת ביקורת של כמה רופאים ביחד אודות המצב, והם צריכים להחליט מה לעשות להלאה.

**כששמע** האמרי חיים מזה, נטל ממנו את הטלפון, ואמר לר' מרדכי אהרן, שכשיצאו הרופאים מהחדר, יתקשרו אל המספר שבביתו. שאל ר' מרדכי אהרן: "ווער רעדט דא?" נענה האמרי חיים בפשיטות: "דא רעדט חיים מאיר האגער"... אולם ר' מרדכי אהרן לא תפס כלל עם מי המדובר... ושאל שוב לשמו, וכך נכפל ונשנה הדבר, שהאמרי חיים ענה לשמו, אבל ר' מרדכי אהרן לא תפס שהוא מדבר עכשיו עם האמרי חיים.

**לאחר** שעה, אחר שיצאו הרופאים, התקשר שוב ר' מרדכי אהרן להמספר בבית האמרי חיים, ואני הרמתי את הטלפון, ור' מרדכי אהרן שאל אותי מי מדבר, ועניתי לשמי: "יודל פעדער". שאל אותי ר' מרדכי אהרן: "און ווער האט פריער גערעדט?" עניתי שזה היה האדמו"ר מוויזניץ... והתפעל מאוד מזה, ואמר לי שהוא חשב שזה בודאי יהודי פשוט מתושבי העיר, שהתעניין על מצב מרן ז"ל...

**ברוך** ה' שזכיתי להיות נוכח בעת שביקר האמרי חיים אצל מרן ז"ל בבית החולים. האמרי חיים לא התעכב שם רק לשעה קצרה מאוד, בהטעימו הענין עם אימרא מאחד מהצדיקים שאיתא בגמרא (בבא קמא ק.) ילכו זו ביקור חולים, והכוונה בזה שכשמבקרים אצל חולה אין להתעכב שם זמן ארוך, ורק תיכף ילכו משם...

**אחר** שיצא התבטא מרן ז"ל: "דער וויזניצער רבי איז א קלוגער איד; מ'ווייסט קיינמאל נישט ביי קיין חולה וואס דער מצב איז דעמאלטס, אפשר קען מען יעצט נישט אויפהאלטן"...

**ועיין** עוד שם בספר בקודש פנימה (עמוד תעז) מה שסיפר הרה"ח ר' מרדכי

**דומ"ץ שליט"א:** כ'געדענק ווען דער ישועות משה איז דא געווען באזוכן ביים טאטן ז"ל, ס'איז געווען דעמאלטס שווערע צייטן דער טאטע ז"ל איז נישט געווען געזונט, ער האט געליטן אסאך יסורים, האט זיך דער טאטע באקלאגט פאר'ן ישועות משה, האט דער ישועות משה געזאגט: "ובחמרא טבא דביה תחדי נפשא (אתקינו סעודתא יום שב"ק); דער רבי האט דאך א גוטע נפש וואס דינט אזוי דעם אויבערשטן; אויף דעם דארף מען האבן א גוטע חומר". דער טאטע ז"ל האט זייער הנאה געהאט דערפון [יא].

**הגרח"מ האגער:** די מעשה מיט דעם ווארט גייט, אז כ"ק האדמו"ר הבית ישראל מגור זצ"ל פלעגט אסאך קומען צום אמרי חיים, איין מאל האט דער בית ישראל געפרעגט פונעם אמרי חיים: "וויזניצער רבי וויאזוי שפירט איר זיך?" האט דער אמרי חיים געפרעגט: "גור'ער רבי וואס מיינט איר, בגוף אדער בנפש? בגוף ברוך ה', בנפש דארף איך א גרויסע ישועה"... האט דער בית ישראל צוריק גענטפערט: "דער טאטע ז"ל [כ"ק האדמו"ר האמרי אמת זצ"ל] האט געזאגט ובחמרא טבא דביה תחדי נפשא, א גוטע חומר און א גוטע נפש"...

**מרן שליט"א:** אין די ערשטע יארן ווען די עולים זענען ארויפגעקומען אויף ארץ ישראל, האט מען געדארפט אויפטון פאר אידישקייט, זיי זענען שטארק געפאלן ל"ע, און מ'האט נישט געוואוסט וואס צו טון. האט דער בריסקער רב הגרי"ז סאלאווייטשיק זצ"ל דעמאלטס געשיקט הגאון ר' רפאל דוד אויערבאך זצ"ל ר"י שער השמים צום גור'ער רבין דער בית ישראל צו זאגן אז מ'מוז עפעס טון דא, און פרעגן וואס מ'קען טון. האט דער גור'ער רבי געזאגט: "וואס מיינט איר, אז מ'דארף טון פעולות אדער איר מיינט עפעס הימל זאכן; אויב מיינט איר הימל זאכן דארף מען גיין צום בעלזער רב".

האט דער גור'ער רבי זיך אויפגעהויבן און געגאנגען צו כ"ק מרן מבעלזא זי"ע, און דער גור'ער רבי האט געזאגט פאר'ן רב ז"ל: "דער רבי זאל וויסן אז מ'דארף עפעס טון דא, און אז ס'וועט זיין פרנסה, אז אידישע קינדער וועלן האבן פרנסה, וועט מען קענען טון". האט דער רב ז"ל אנגעכאפט דעם גור'ער רבינ'ס האנט און איבערגעזאגט עטליכע מאל: "אידישע קינדער דארפן האבן פרנסה; אידישע קינדער דארפן האבן פרנסה; און אז ס'וועט זיין א שפע וועט מען קענען אויפטון", און טאקע יענע יאר איז געווען א גרויסע שפע פון פרנסה [יב].

דאס איז דער ענין פון 'ובחמרא טבא דביה תחדי נפשא'.

*

**הגרח"מ האגער:** ווען מיין זיידע דער ישועות משה ז"ל איז געזעסן שבעה נאך זיין מאמע הרבנית מרגליות ע"ה, איז הגאון רבי אלעזר מנחם מן שך זצ"ל ר"י פאנעוויטש געקומען מנחם אבל זיין, און הרב שך האט געפרעגט: "וויזניצער רבי, ווי אלט איז די מאמע געווען?" האט ער געזאגט: "קרוב צו די מאה", האט הרב שך געזאגט: "אה! אה! א זקינה!" האט מיין זיידע ז"ל געזאגט: "א מאמע איז קיינמאל נישט קיין זקינה"...

**מרן שליט"א:** מ'קען טייטשן מיט די בחינה דאס וואס רש"י זאגט אין פרשת חיי שרה (כג, א) בת ק' כבת כ'.

---

אהרן חיים מענצער ז"ל: באחד מן הימים בעת ששהה כ"ק מרן זצוק"ל בבית החולים באנטווערפן בתחלת שנת תש"ט לפ"ק, הגיע כ"ק האדמו"ר האמרי חיים מוויזניץ זצ"ל לבקר את מרן ז"ל, ומרן ז"ל הזכיר עצמו לפני האמרי חיים בשמו: "יוסף בן שרה רבקה". תיכף נענה האמרי חיים: "דאס איז דאך די ראשי תיבות פון יבש"ר!" היינו שבקרוב יתבשר לנו בשורות טובות.

**יא.** ראה בספר שיחות יקרות ויחי יוסף (עמוד תקטז) תוכן השיחה (חודש סיון תשמ"ב), בתחלת השיחה אמר הישועות משה למרן ז"ל: "ראיתי במכתבו שהרבי אינו מרגיש בכי טוב", נענה מרן ז"ל והתמרמר לפניו: "אני זקוק לרפואה, יש זמנים שראשי כבד עלי", נענה הישועות משה: "הלא רבים צריכים לו, השי"ת ישלח אן עקסטערע רפואה", והמשיך מרן ז"ל בשיחה עמו בשאר ענינים. ובסוף השיחה לפני שנפרדו זה מזה, אמר הישועות משה: "ובחמרא טבא דביה תחדי נפשא, מיט א גוטן חומר פריידט זיך די נפש אויך. מ'קען טון מיט א גוטע חומר זייער אסאך, מ'דארף זיין געזונט, אן עובד ה' קען זייער אסאך טון אויב די חומר האלט מיט". ואיחל למרן ז"ל: "יהי רצון שיהיה בריא וחזק, ויאריך ימים ושנים בהרבצת תורה וחסידות ויראת שמים בבריאות, ביז משיח'ס טאג".

**יב.** ראה בקובץ אז נדברו חלק ב (עמוד קו) מה שסיפר הגה"צ רבי מנחם מענדל מענדלזאהן זצ"ל רבה של קוממיות חתנו חורגו של מרן מבעלזא זי"ע, מה ששמע מפי בעל המעשה הגאון ר' רפאל דוד אויערבאך זצ"ל ר"י שער השמים, שהיה נוכח בביקור הנרגש של האדמו"ר הבית ישראל זצ"ל אצל מרן מבעלזא זי"ע.

**בתוך** השיחה אמר הבית ישראל בזה"ל: "ס'קומען יעצט אידן קיין ארץ ישראל, און די לאבע'ס (-החילונים) נעמען צו זייערע קינדער, און מ'פירט זיי אוועק פון אידישקייט, אז מ'וועט האבן געלט וועט מען קענען האלטן די קינדער ביי זיך". ושוב המשיכו בענינים אחרים. לאחר כמה דקות עמד מרן מבעלזא ממקומו ואמר: "דער טאטע ז"ל האט געזאגט אז פארצייטנס האט מען געהאלטן אז נסיון העושר איז שווערער פון נסיון העוני, היינט זעט מען אז דער נסיון העוני איז שווערער".

**ונתן** ידו להבית ישראל, ואמר לו: "לאמיר זאגןביידע (ותוך כדי כך שלף הבית ישראל מטפחת מכיסו ונתנו על עיניו, וכך עמד כשידו האחת נתונה בידי מרן ז"ל, וידו האחרת מכסה את עיניו במטפחת, המעמד היה נורא) אידן דארפן האבן א שפע, און אז ס'וועט זיין א שפע וועט מען האבן די קינדער ביי זיך". וכך עמד מרן מבעלזא וחזר דברים אלו ג' פעמים. ואכן בשנה ההיא היה שפע גדול בעולם היהדות.


הלכה, מנהג,
התעוררות לחג, ספרי
תלמידי בעש"ט...
ווי הייבט מען אן?
שמעו ותחי נפשכם!
דרשות ושיעורים
"פסח קנעפל"
4←3←4
ספעציעל איבערגעפרישט לקראת החג הבעל"ט!

#1
## התעוררות לחג


#2
## אפיות מצות


#3
## הלכות פסח
הגלה, ליבון, ובדיקת חמץ


#4
## מכירת חמץ


#5
## ליל הסדר
והלכות יום טוב


#6
## בית רבותינו
מנהגים וחומרות שנהגו בו כ"ק מרנן רבותה"ק


#7
## שואלין ודורשין
בהיכל כוללינו הק', ושיעורים כללים




מערכת קהלת יעקב

קו אנ"ש חסידי פאפא

P U P A

# 718.480.7872

# ת"ת 'צאן יוסף' דחסידי פאפא, מאנסי

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ערבי פסחים תשפ"ד

# איש כמתנת ידו כברכת ה'

ברגשי הכרה והודאה הננו בזה להביע מיטב ברכותינו מול הני אנ"ש היקרים, נדיבים בעם, רודפי צדקה וחסד, רחומי ומוקירי רבנן ותלמידיהון, ראוים לשבח ולתהלה בקרב עם סגולה, עומדים תמיד לימין מוסדותינו הק' ביד רחבה וברוח נדיבה בלב ונפש חפיצה, ובמיוחד עכשיו בפרוס חג הפסח כאשר הרימו תרומת הקודש למען המלמדים החשובים שליט"א העוסקים במלאכת הקודש במסירות ובנאמנות

**בראש נביע תודתנו והרגשי הכרת הטוב מעומקא דלבא, לכבוד ידידנו היקר והנכבד, האי גברא יקירא, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, לבו הזהב ער ופתוח לכל דבר שבקדושה, רודף צדקה וחסד במלוא מובן המילה, ה"ה**

## הר"ר **יצחק יודא ראזענבערגער** הי"ו

חבר ועד קרן הבנין דבית מדרשנו

**שנדב סכום אדיר למען מפעל קמחא דפסחא**

משמי מרומים יתברכו הני אנשים חשובים ויקרים, העומדים תמיד מוכן ומזומן בסבר פנים לכל צרכי מוסדותינו הק', ה"ה

הר"ר **חיים ווערצבערגער** הי"ו, הר"ר **לוי יואל פריעדמאן** הי"ו

חברי הנהלת המוסדות

הר"ר **יוסף גאמבא** הי"ו מנכ"ל המוסדות, הר"ר **צבי יצחק קריצלער** הי"ו מפקח כללי בבנות אסתר, הר"ר **שלמה קאלמאן** הי"ו מפקח כללי בת"ת

### עמודי התורה

הר"ר אהרן עקיבא גאלדבערגער הי"ו

הר"ר שרגא גאלד הי"ו

### זכות מלמד אחד

אלו שתרמו ח"י מאות

הר"ר שלום יוסף אבערלאנדער הי"ו

הר"ר וואלף דרעזנער הי"ו

הר"ר יעקב אהרן סאמעט הי"ו

הר"ר יוסף ברי"ש כהן הי"ו

הר"ר יוסף ווייס הי"ו

הר"ר אפרים מאיר אבערלאנדער הי"ו

הר"ר יוסף ראזענבערג הי"ו

הר"ר נפתלי ישעי' בוים הי"ו

הר"ר לוי יצחק קופמאן הי"ו

### שרי האלף

הר"ר ישראל חיים וועבער הי"ו

הר"ר חיים שלום העכיל הי"ו

הר"ר אהרן גאנצפריעד הי"ו

הר"ר משה ברי"י קאהן הי"ו

הר"ר יוסף בצלאל יודא פריעדמאן הי"ו

הר"ר דוד לאווענשטיין הי"ו

הר"ר אלי' זיידנפעלד הי"ו

הר"ר יצחק אייזיק מארקאוויטש הי"ו

הר"ר יחזקאל שרגא לונגער הי"ו

### ואלו שתרמו מחמש מאות ולמעלה

הר"ר יוסף שפיטצער הי"ו

הר"ר יצחק אהרן גראס הי"ו

הר"ר יושע העשיל כהן הי"ו

הר"ר אברהם דוד קופערשטיין הי"ו

הר"ר ישראל דוב גאלדבערגער הי"ו

הר"ר אלכסנדר חיים געלב הי"ו

הר"ר יעקב אהרן גרינוואלד הי"ו

הר"ר פנחס יואל קאלמאן הי"ו

הר"ר הערשל ליידנער הי"ו

הר"ר יחיאל מיכל מאסקאוויטש הי"ו

**וגם יזכר לטובה כל אלו שתרמו סכומים הגונים כפי מסת נדבת לבם אשר השיג ידם**

**זכות המצוה הגדולה הזאת להביא ניצוצי אורה בבית המרביצי תורה החשובים, וזכות תורתם של תינוקות של בית רבן יעמוד להם ולזרעם אחריהם, ויתברכו בכל משאלות לבביהם לטובה, ונזכה כולנו לאכול מן הזבחים ומן הפסחים בעיה"ק ירושלים בקרוב ממש, עם מלכנו בראשנו אמן.**

**המברכים מקרב הלב המנהלים:**

**אהרן צבי ברילל        יוסף גרינוואלד**

# דברות קודש

## בעת מעמד 'שואלין ודורשין' בהיכל הכולל לקראת חג הפסח

יום א' תזריע תשפ"ד לפ"ק

### נתתי אותה מאשי

ס'שטייט פון **אר"י הק'** (מובא בבאר היטב או"ח סימן תמא ס"ק א) אז כל הנזהר ממשהו חמץ בפסח מובטח לו שלא יחטא כל השנה, אז ער איז מובטח אז א גאנץ יאר וועט ער נישט צוקומען צו קיין מכשול.

ס'שטייט אין פסוק (ויקרא ו, י) לא תאפה חמץ חלקם נתתי אותה מאשי, איז באקאנט די ווארט וואס **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** ברענגט (פ' צו ד"ה לא תאפה חמץ א') וואס ס'שטייט אין **ספה"ק אור לשמים** אז חלקם איז מלשון 'חלק' אז ס'מוז זיין אינגאנצן גלאט, ס'זאל נישט זיין קיין משהו חמץ, אבער לכאורה וויאזוי קען דאס זיין? זאגט דער פסוק נתתי אותה מאשי, 'אישי' מיינט מען מלאכים, אז מלאכים היטן עס ס'זאל נישט ווערן קיין חמץ, אתד"ק. דארף א איד צו וויסן אז 'חלקם', א איד דארף צו טון וואס ער קען, אבער מ'דארף האבן סייעתא דשמיא 'מאישי' פון די מצוה, און אז איד טוט מער פון די מצוה ווייל ער גלייבט אז ער פארשטייט נישט, און מ'טראכט נישט: "וואס איז שוין דא היינט מחמיר צו זיין? וואס איז די סברא?" וכו'[א].

### הידורים אור המקיף

באמת אויף די אלע חומרות וואס אידישע קינדער זענען זיך נוהג איז ידוע פון **ספה"ק דרך פקודיך** (מצוה כא) אז די הידורים דארף מען מחשיב זיין, און חס וחלילה נישט אפלאכן פון די הידורים און פון די חומרות וואס אידישע קינדער זענען זיך נוהג, ער איז עס מסביר אז ס'איז א בחינה פון אור המקיף, ס'איז מער

### אמונה במנהגי ישראל

פסח איז טייטש שפרינגען, וואס הייסט דאס אז מ'שפרינגט? פשט איז אז מלאכים האבן העכערע השגות וואס א בשר ודם קען נישט זען, א בשר ודם האט דאך א חלק הגשמי, ער האט טאקע עינים רוחניים אבער ער האט אויך עינים גשמיים, משא"כ מלאכים האבן נישט קיין עינים גשמיים, ממילא קענען זיי זען מער.

אבער פסח שפרינגט א בשר ודם צו א העכערע השגה, אז מ'טוט אפילו זאכן וואס מ'פארשטייט נישט פארוואס מ'טוט עס, און מ'טוט עס בלויז ווייל אונזערע עלטערן האבן אזוי געטון, און ווייל אונזערע רבי'ס האבן אזוי געטון, ממילא די אלע

---

**א.** עיין בספה"ק דרך פקודיך מצוה כא (חלק המחשבה אות יא): הנה תתבונן ידידי אור המקיף הוא שמירה והיקף לבל ישלטו זרים, והנה נודע כי כל המצות כולם אשר הם בחיוב על האדם הנה כל הדברים הנאמר בהן לעיכובא, הנה מזה עיקר חיות הנשמה פנימיות האדם, ודקדוקי המצות מצד החסידות מהם יאיר אור המקיף אשר אין לו גבול וכלי שתגבילהו, כן אין גבול לדקדוקי המצות בהכשר ויתרון זה מחמיר בחומר אחת וזה מחמיר ביותר כידוע למשכיל והנה בעת היציאה ממצרים וקבלת מלכותו יתברך נתחייבנו לספר ולהוציא ההבל מפינו בטובות הש"י אשר ההבל היוצא מתוך פנימיותינו יאיר עלינו לאור מקיף, ובזה נזכור לעשות מעשה המצות על דבר כבוד שמו שיאיר אור השי"ת למקיף עלינו ג"כ ויהי נועם ד' עלינו, ונמצא יש רמז בזאת המצוה גם למילי דחסידי שבכל המצות, אשר הוא חובה לנפש לדקדק בה בכל יכולתה, והמתבונן בזה ידקדק בנפשו בכל ענייני מצותיו וישוב אל ד' על העבר ויקבל על עצמו וכו' כנ"ל.


**ישיבת בין הזמנים בהיכל ביהמ"ד הגדול**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

נשגב בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, מול ידידנו הנחמד, איש חי ורב פעלים, שמו הטוב הולך לפניו, צדיק בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו, אוהב תורה בכל לבו ונפשו, מוקיר רבנן ותלמידיהון ואיהו גופא חד מינהון, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, פועל ומפעיל לכל דבר טוב עם לב ונפש חפיצה, צהלת פניו מאיר לכל אדם, ה"ה

העסקן הנמרץ הרה"ח **ר' יוסף שפיטצער** שליט"א

יו"ר מרכז חבורת קהלת יעקב

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו באירוסי בתו הבכירה הכלה תחי' למזל טוב, עב"ג החתן המופלג בתוי"ש, מוכתר בכתר שם טוב, כמר יצחק יוסף ברילל ני"ו מפארי גידולי ישיבתנו הק' מתיבתא קרית פאפא, בן העסקן הנמרץ הרב אהרן צבי ברילל שליט"א מנהל דת"ת מאנסי

**מי ימלל שבחו של ידידנו היקר ר' יוסף, על שזה כמה שנים עומד בראש מערכת ישיבת בין הזמנים במסירות ונאמנות, בלב ונפש חפיצה, והכל בהסתר ובהצנע לכת, כדרכו מאז ומקדם!**

נשא לבבינו אל כפים, שיזכה לכל הברכות האמורות בתורה, ויזכה להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, ויזכה לרוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ויתקיים בו מקרא שכתוב וראה בנים לבניך שלום על ישראל, עדי נזכה לעלות לציון ברנה אמן

המברכים בלב מלא הכרה: **הנהלת ישיבת בין הזמנים**

חומרות אין פסח וואס ס'איז ידוע אז אלע ערליכע אידן פירן זיך, מיט דעם שפרינגט מען אין די הייעך.

דאס איז א געוואלדיגע מדריגה אז מ'האט אמונה אין יעדע מנהג ישראל; מנהג ישראל תורה! **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט דאך געזאגט אז היינט איז מנהגי ישראל תורה שבעל פה, ממילא אז מ'איז מקיים אזא מין זאך אפילו מ'פארשטייט נישט, איז מען העכער פון די מלאכים, ווייל די מלאכים טוען נאר וואס זיי פארשטייען, אבער אידישע קינדער זענען מקיים אפילו וואס מ'פארשטייט נישט, און מ'ווערט פון דעם געהויבן.

## זהירות בפסח על כל השנה

קומט אויס אז דער ענין פון די זהירות פסח גייט באמת אויך אן א גאנץ יאר, און משהו חמץ מיינט מען דאך נישט נאר חמץ כפשוטו, נאר מ'מיינט אויך דערמיט אז חמץ איז דאך מרמז אויפ'ן בעל דבר אויפ'ן יצר הרע; דאס מיינט דער אר"י הק' הנזהר ממשהו חמץ, אז מ'האט זהירות מער פון וואס מ'פארשטייט, פירט מען פון הימל ווייטער אז מובטח שלא יחטא כל השנה.

דאס איז שייך ביי אלע ענינים סיי ביי תורה סיי ביי עבודה און סיי ביי גמילות חסדים, סיי ביי זיך און סיי אין שטוב.

## בשבח הכולל

ברוך ה' דער שם פונעם כולל איז אין די הייעך, וכתר שם טוב עולה על גביהן (אבות ד, יג), דער שם טוב איז א געוואלדיגע זאך, אודאי אז דאס קומט נישט פון זיך אליינס, דאס קומט מיט א הארעוואניע.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מ'זאל קענען ווייטער הארעווען און ווייטער לערנען, און מקיים זיין ללמוד וללמד לשמור ולעשות, ס'קומען געהויבענע טעג פון ניסן און יום טוב פסח זאל מען עס קענען אנפירן אזויווי עס דארף צו זיין, און מ'זאל זוכה זיין ממשיך צו זיין ישועות, ס'זאל שוין זיין ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים מתוך ישועות ישראל, ומתוך שמחה ונחת. מיר זאלן שוין זוכה זיין צו ישועות כל ישראל, און צו הרמת קרן התורה בב"א.

* * *

# דברות קודש

**הכנה לימי בין הזמנים לבחורי ישיבה קטנה בעת שמחת השבע ברכות בהיכל הישיבה לבן הרה"ג ר' יודא אליעזר קופערשטיין שליט"א מנהל הישיבה**

יום ג' תזריע תשפ"ד לפ"ק

## אותו יצר הרע העבירו

לכבוד שמחת חתן וכלה קען מען דאך זאגן א מילתא דבדיחותא; דער מנהל האט מיר פריער געזאגט אז כ'זאל מחזק זיין די ווערטער וואס מ'האט דא גערעדט פריער איבער בין הזמנים. ווייל איך זאגן אז דאס זענען טאקע זייער וויכטיגע זאכן, כ'ווייל אבער זאגן וואס דאס מיינט און וויאזוי מ'זאל טון די אלע זאכן; כ'בין נישט צופרידן פון דעם אז מ'זאל סתם 'פאלגן' וואס מ'זאגט...

פאריגע וואכעדיגע פרשה שטייט (ויקרא ט, ו) ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ה' תעשו, שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני


באנו בזה להביע ברכותינו, ברכת מזלא טבא מעומקא דלבא, לכבוד האי גברא יקירא, מרביץ תורה לתלמידים היקרים במוסדותינו הק', מעיין המתגבר, ידיו רב לו בעסק הרבצת התורה, פה מפיק מרגליות, מפיק מרגניתא מתותי חספא, צנא מלא ספרא, עוסק בכל לב ונפש להכניס הרחבת הדעת בקרב מרביצי תורה וחסידות במוסדותינו הק', ה"ה

הרב **יעקב משה גאלדבערגער** שליט"א

מגי"ש בבית מדרשנו

**עושה ומעשה בכל לב ונפש ועומד בראש מפעל 'קרן מלמדים'**

לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב

יהי רצון שיזכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו בעתו ובזמנו, ויזכה לגדלו ולחנכו לתורה לחופה ולמעשים טובים עם נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת, ובזכות הכנסת פדות ורווחה בבית מצדיקי הרבים ככוכבים, יזכה לכל מיני השפעות טובות, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים עם מלכנו בראשנו אמן.

המאחלים מקרב הלב: **הנהלת קרן מלמדים**

> **הרה"ק דער קאצקער רבי זי"ע האט געזאגט פאר זיינע תלמידים: "איך פארלאנג נישט פון ענק אז עטץ זאלטס נישט זינדיגן, מ'איז דאך א בשר ודם מ'קען דאס נישט פארלאנגען, אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז, כ); נאר עטץ זאלטס נישט צייט האבן צו זינדיגן"...**

(רמז תקכא) אמר להן משה לישראל אותו יצר הרע העבירו מלבבכם. דארף מען פארשטיין וואס איז דער 'אותו יצר הרע'? וועלכע יצר הרע איז דאס?

ס'איז דא א מילתא דבדיחותא אז איינער האט אמאל געזאגט אז ער האט אסאך פראבלעמען... וואס זענען די פראבלעמען? די פראבלעמען זענען: וואס טוט מען מיט די מצה פאר פסח? וואס טוט מען מיט אנדערע מצוות? וואס טוט מען מיט די סדר-נאכט, מ'דארף זיין אויף ביים סדר-נאכט? ער האט פראבלעמען!... תרי"ג מצוות זענען פראבלעמען?! תרי"ג מצוות זענען נישט קיין פראבלעמען!

משה רבינו זאגט דא פאר אידן אז טאמער ס'איז דא אזא זאך אז מ'טוט עפעס אן קיין שמחה, און מ'טוט עס נאר ווייל כ'האב נישט קיין ברירה; מ'טראכט: "כ'וועל זיין א וואוילע איד ווייל ס'פאסט אזוי, כ'וויל געבן רעספעקט פאר משה רבינו, מ'דארף דאך פאלגן וואס משה רבינו זאגט"... ניין, ניין, ניין! אותו יצר הרע תעבירו! מ'זאל נישט טון די זאכן וויבאלד 'זה הדבר אשר צוה ה' תעשו', נאר מ'זאל 'וועלן' טון די זאכן, נישט סתם פאלגן! מ'טוט עס ווייל מ'וויל עס טון!

ממילא די אלע זאכן וואס מ'רעדט דא, זאל נישט א בחור טראכטן: "אוי געוואלד, וואס פארלאנגט מען דא פון אונז? מ'מוז קומען ביי אונז אין בית המדרש, און מ'טאר נישט דאס און מ'טאר נישט יענס"... נישט מ'טאר נישט; נאר מ'וויל נישט! ס'דארף זיין אין די פנימיות, און טאמער איינער פארשטייט דאס נישט, זאג איך ענק: "גלייבטס מיר אז ס'איז פאר ענקער טובה!" דאס איז איין זאך וואס כ'האב געוואלט זאגן.

## הולכים מחיל אל חיל

נאך א זאך וואס מ'דארף וויסן. כ'וויל דא אויסקלארן א ווארט וואס דער חשוב'ער **ראש ישיבה ומנהל שליט"א** האט געזאגט, ער האט ארויסגעברענגט אז מ'האט אפגעהארעוועט דעם זמן ווי ס'דארף צו זיין; וויל איך זאגן אז מ'זאל נישט קלערן אז מ'האט אפגעהארעוועט דעם זמן און מ'איז שוין פערטיג, מ'מאכט נישט קיין 'ברוך שפטרני'... נאר מ'האט געהארעוועט ביז אהער, און מ'האפט ווייטער צו הארעווען!

## העבודה בחודש הזה בזריזות

נאך א נקודה וויל איך זאגן דא. ס'שטייט אין פסוק (שמות יג, ה) ועבדת את העבודה הזאת בחודש הזה. קען מען זאגן א רמז, אז פסח און חודש ניסן איז דאך א זמן פון ביעור חמץ, און באקן


**הוי מתלמידיו של אהרן**

ברכת מזלא טבא מעומקא דלבא לכבוד האי מזכה את הרבים, מרביץ תורה וחסידות לעדרי עדרים, ממצדיקי הרבים ככוכבים, שיחו נאה ואמרותיו נעימים, ברוחו פי שנים, תורה ויראת שמים, שמו הטוב נודע בשערים, איש החינוך ונשוא הפנים, מסור בלב ונפש לילדי צאן קדשים, ולכל המלמדים, עומד לימין הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בכל עניני המוסדות הק', ה"ה

הרה"ג ר' **אהרן צבי ברילל** שליט"א

מנהל רוחני דת"ת צאן יוסף דחסידי פאפא בעיר מאנסי

לרגל שמחת אירוסי בנו החתן החשוב, מוכתר בכל מעלה, יצחק יוסף ברילל ני"ו מאריות שבחבורתנו הק' במתיבתא קרית פאפא עם בת העסקן הנמרץ הר"ר יוסף שפיטצער שליט"א

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ויזכה להמשיך להאיר עיני ישראל המחכים לו מתוך הרחבת הדעת, עושר ואושר ירוצו אחריו כל ימי חייו, עדי נזכה לקול ששון וקול שמחה בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו בב"א.

המברך מקרב הלב

שותפו לדבר מצוה: **יוסף גרינוואלד - מנהל רוחני**

> **שהייה איז מחמיץ,ליידיג גיין דאס איז די גרעסטע עבירה, אודאי און אודאי נישט יעדער האט אלץ די קאפ צו לערנען שיעור עיון און שווערע לימודים, קען מען דעמאלטס לערנען גרינגע לימודים, צי גרינגערע זאכן פון חסיד'ישע ספרים, מ'דארף זען צו לערנען הלכה, מ'קען דאך נישט גיין צום סדר ווי אן עם הארץ, מ'זאל האבן א שטיקל השגה פון די אלע הלכות און מצוות פון די סדר נאכט.**

מצות, די אלע זאכן זענען אזעלכע זאכן וואס דארף גיין בזריזות, ביעור חמץ איז דאך בזריזות, אזוי ווי מ'זעט אז ערב פסח סוף זמן ביעור חמץ דארף זיין מבוער די גאנצע חמץ, ס'דארף גיין שנעל און גיך.

ס'איז אפילו געווען פלעצער וואו מ'האט געמאכט א סעודה לכבוד די סיום בכורים, אבער אלעס איז צוגעגאנגען בזריזות. **כ״ק אא״ז מרן הערוגת הבשם זי״ע** איז געווען א בכור און ער האט געפאסט ערב פסח, אף על פי כן אז ס'איז געקומען אמאל די סדר-נאכט און מ'האט געדארפט עסן די אפיקומן פאר חצות, האט ער געמאכט גאר שנעל די שלחן עורך נאכ'ן פאסטן א גאנצן טאג, ווייל די אפיקומן האט מען געדארפט עסן פאר חצות; דאס הייסט זריזות!

זריזות איז איינער פון די שטערקסטע מידות וואס א איד דארף צו ארבעטן, און די בעסטע עצה אנצוקומען צו א תכלית איז מדת הזריזות, דאס וואס דער מנהל האט שוין פריער געזאגט, סיי דאווענען באצייטנס, קומען אין בית המדרש, און זיך האלטן צו די זמנים וכדומה.

תירוצים איז דא גענוג! דער יצר הרע האט אזעלכע קלוגע תירוצים... מ'ווערט נישט פערטיג מיט דעם; מ'דארף נאר וויסן איין זאך: ״ס'איז נישט דא קיין צייט; זריזות!״

**הרה״ק דער קאצקער רבי זי״ע** האט געזאגט פאר זיינע תלמידים: ״איך פארלאנג נישט פון ענק אז איר זאלט נישט זינדיגן, מ'איז דאך א בשר ודם מ'קען דאס נישט פארלאנגען, אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז, כ); נאר איר זאלט נישט צייט האבן צו זינדיגן״... ס'איז נישט דא קיין צייט! זריזות!

## זריזות עם ישוב הדעת

דאס איז די עבודה בחודש הזה; מדת הזריזות. יונגערהייט איז דאך דאס אן עבודה, און איינער וואס קען נישט, דארף צו וויסן וואס ס'שטייט אין ספרי מוסר (לשון המסילת ישרים פרק ט) אז הרגל נעשה טבע, ס'איז דא א מענטש וואס איבריו כבדים עליו, דאס איז זיין טבע, און נאכדעם איז דא איינער וואס איז מער קאכעדיג.

ס'שטייט פון **כ״ק מרן מהר״ש מבעלזא זי״ע** עה״פ (מלאכי ג, כד) והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, אז יונגע מענטשן


בלב מלא תודה והכרה, באנו בזה להביע רגשותינו הנאמנות בברכת מזל טוב כראוי וכיאות, מול האי איש חי ורב פעלים, עומד במסירות ונאמנות לימין קדשי בית חיינו בכל עת ועונה, טוב לבב, אהוב ונחמד לכל, לבו הזהב פתוח וער לכל דבר שבקדושה, ראש וראשון לכל הקודש לנו בבחי׳ טרם יקראו ואני אענה, ה״ה

העסקן הר״ר **דוד לאוועשטיין** הי״ו

לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב

**ויזכר לטובה ידידנו ר׳ דוד הי״ו אשר עמד בהקמת בית מדרשנו ועומד הלאה מוכן ומזומן בגוף ובממון לכל צרכי בית מדרשנו, במסירות ונאמנות עד להפליא**

ויהא רעווא מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רוב נחת חדוה ותענוג דקדושה מכל יוצ״ח, ותמיד ישמע בגבולו רק ששון ושמחה, ויתאחדו על שלחנו תורה וגדולה במקום אחד, עד נזכה לביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו אמן.

המברכים לעומתו ברגשי הכרת הטוב

**גבאי השטיבל** **אנ״ש מתפללי השטיבל**

האבן קאכעדיגע בלוט און עלטערע מענטשן האבן מער ישוב הדעת, די צוויי זאכן זענען אמאל א סתירה, אבער ווען משיח וועט קומען וועלן ביידע גיין צוזאמען; אבער דא איז עס נוגע צו וויסן אז בחורים וואס לערנען תורה דארפן ביידע 'זריזות מיט ישוב הדעת'.

## מדת עזות

א מקוה דארף זיין "אריין און ארויס!" "געלאפן!" זיך אנטון שנעל, און נישט רעדן קיין אות אחת נישט! זיין אויסגעדרייט צו די וואנט, און זיך פירן בצניעות.

מ'גייט אויף די גאס מיט מדת עזות! איך קוק אראפ! און אז א בעל הבית קוקט מיר אראפ אז כ'בין א חאניאקישע בחור, זאל ער טראכטן וואס ער וויל! איך טו מיר מיינס וואס איך האב צו טון! איך האב שמירת עינים, און ס'אינטערעסירט מיר נישט וואס דער בעל הבת'ישער מענטש קוקט אויף מיר אז כ'בין א חאניאק.

## התנהגות בחג הפסח

מ'קען דאך נישט דא אלעס אויסרעכענען, אבער מ'דארף וויסן אז מ'דארף טון 'הידור מצוה', די גאנצע חודש איז פול מיט אזויפיל זאכן; מ'לויפט, מ'קומט, און מ'גייט; ס'איז דא די ערשטע טעג פסח, און די צווייטע טעג פסח, ס'איז דא די דאווענענ'ס, ס'איז דא די סדר נעכט, די בייטאג פונעם יום טוב וכו'.

דער אויבערשטער פארלאנגט נישט פון קיין אידישע קינדער מער ווי זיי קענען (מסכת ע"ז ג.), דער אויבערשטער איז דאך א בעל רחמנות; מ'מאכט א סדר-נאכט, דער אויבערשטער שוינט אויך אידישע קינדער אז זיי זאלן קענען געניסן שלאפן... מ'קען ברוך ה' געניסן שלאפן, מ'קען געניסן עסן; אלע מיני נאשערייען מוז מען האבן כשר לפסח?! דאס איז געמאכט פאר קליינע קינדער! די אלע טשאקאלאד צי אנדערע זאכן.

די גאס ברענגט אזא רוח אז "געוואלד און געשריגן מ'איז גוזר פסח א גזירה אז מ'הונגערט"... פארקערט! איך פריי זיך דערמיט! איך וויל זיין א געהויבענע איד! איך דארף נישט די אלע זאכן, ברוך ה' אז ס'איז דא וואס צו עסן, ס'איז דא מצה מיט פיש און פלייש, אויך מיט אלע חומרות.

באופן זה וועט עטץ וואקסן חשוב'ע בחורים, און מ'זאל זען צו אויסנוצן די צייט, שהייה איז מחמיץ, לידיג גיין דאס איז די גרעסטע עבירה, אודאי און אודאי נישט יעדער האט אלץ די קאפ צו לערנען שיעור עיון און שווערע לימודים, קען מען דעמאלטס לערנען גרינגע לימודים, צי גרינגערע זאכן פון חסיד'ישע ספרים, מ'דארף זען צו לערנען הלכה, מ'קען דאך נישט גיין צום סדר ווי אן עם

> **חמץ איז דאך מרמז אויפ'ן בעל דבר אויפ'ן יצר הרע; דאס מיינט דער אר"י הק' הנזהר ממשהו חמץ, אז מ'האט זהירות מער פון וואס מ'פארשטייט, פירט מען פון הימל ווייטער אז מובטח שלא יחטא כל השנה.**


ביהמ"ד קהל קהלת יעקב
פאפא

קול צהלה ורנה שפתינו אז תרננה, מול ידידנו החשוב, עסקן נמרץ למען הכלל והפרט, יומם ולילה לא ישבות למען בית מדרשנו
שיהיה לשם ותפארת, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, טוב לשמים וטוב לבריות, כי לו נאה כי לו יאה, ה"ה

מוה"ר **ישראל חיים וועבער** הי"ו

בריח התיכון של בית מדרשנו

לרגל שמחתו הגדולה הולדת הבן למזל טוב בשעטו"מ

**והברכה אחת היא לכבוד אביו היקר הרבני הנכבד מוה"ר שלמה וועבער הי"ו פטרון מפעל והגית, מעמודי התווך למען הקמת בית מדרשנו**

ומה נאה הזמן להביע רגשותינו העמוקות מול ידידנו היקר ר' ישראל חיים! אי אפשר לתאר מה שעשית בעבר למען השטיבל, ומה שאתה עושה ומעשה בכל עת ובכל שעה! זכית להרבות כבוד שמים וכבוד רבותינו הק', ולעשות נחת רוח לאבינו רוענו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בהקמת השטיבל המפואר ברוב פאר והדר! אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא!

יעזור השי"ת שתתברך משמי מעונים בכל השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, אך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך, ותזכה להמשיך בפעליך למען כבוד בית רבותינו הק', עד ביאת גואל צדק, ומלכנו בראשנו אמן.

המברכים בלב מלא הכרת הטוב: **הנהלת השטיבל | אנ"ש מתפללי השטיבל**

הארץ, מ׳זאל האבן א שטיקל השגה פון די אלע הלכות און מצוות פון די סדר נאכט.

דאס מיינט דער פסוק ׳ועבדת את העבודה הזאת בחודש הזה׳, די עבודה פון דעם חודש איז מדת הזריזות, און אז מ׳איז זיך מרגיל דעם חודש צו מדת הזריזות בלייבט עס שוין אויף ווייטער, און מ׳האלט עס שוין אן פאר א גאנץ יאר.

## ברכות לרוב

זאל דער אויבערשטער געבן אז מ׳זאל האבן וואס מ׳דארף צו האבן, עטץ זאלטס זוכה זיין צו שטייגן בתורה וביראת שמים, און אויפצוטון אין דעם חודש וואס מ׳דארף אויפטון; ס׳איז דאך יעצט שמחת חתן וכלה, מ׳זאגט דאך ׳עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים׳, שמחת חתן וכלה איז דאך א הכנה צו די גאולה העתידה מיט דעם וואס מ׳גרייט זיך צו, און מיט דעם וואס בחורים עובדי ה׳ זיצן און לערנען, גייט מען קעגן משיח צדקנו.

זאל דער אויבערשטער העלפן מיר זאלן זוכה זיין אז כימי צאתנו מארץ מצרים יראנו נפלאות, מ׳זאל זוכה זיין ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, מיר זאלן זוכה זיין ס׳זאל נתקדש ווערן שם שמים על ידינו, און עטץ זאלטס וואקסן מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף חשוב׳ע חסיד׳ישע בחורים, חשוב׳ע ערליכע אידן, די עלטערן זאלן זען נחת, און ס׳זאל זיין א כבוד פאר אונזער גאנצע חברייא, א כבוד פאר אונזערע עלטערן בעולמות העליונים, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו ישועות כל ישראל און צו די גאולה שלימה בב״א.


הכנסת אורחים
דחסידי פאפא

בשיר וקול תודה נברך לאלקינו, עת שהשמחה הגדולה בבית ידידנו הנכבד, מוכתר בכל מעלה ומדה יקרה, לו העוז והתפארה, מי יספר מעלותיו, מלא על כל גדותיו, עומד בנאמנות ובמסירות למען כל קדשי בית חיינו, ובפרט עומד בראש מפעל החסד הכנסת אורחים דחסידי פאפא, ה״ה

**העסקן הנמרץ לכל קדשי בית חיינו**

מוה״ר **יוסף שפיטצער** הי״ו

יו״ר מרכז חבורת קהלת יעקב

לרגל שמחת אירוסי בתו עם החתן המופלג יצחק יוסף ברילל ני״ו ממצוייני תלמידי ישיבתנו הק׳ מתיבתא קרית פאפא בן הרב אהרן צבי ברילל שליט״א מנהל דת״ת מאנסי

**והזמן גרמא עכשיו להודות לו על על פעליו הכבירים, על שעומד בראש ופועל ועוסק בלבו הטוב ובסבר פנים יפות, למען הכנסת אורחים דחסידי פאפא, במסירות נפלאה ונאמנה, למען שביעת לבם של חסידי פאפא הבאים להסתופף בצל הקודש של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א למועדים וזמנים**

יעזור השי״ת שיתברך משמי מעונים בכל השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, אך טוב וחסד ירדפו כל ימי חייו, ויזכה להמשיך בפעליו למען כבוד בית רבותינו הק׳, עד ביאת גואל צדק, ומלכנו בראשנו אמן.

המברכים בכבוד רב: **הנהלת מרכז חבורת קהלת יעקב**

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

בענין מצות מכונה

## סיפר מוה"ר **שלום ברמ"י אבערלאנדער** הי"ו:

**שמעתי** מאבי הרה"ח ר' מרדכי יודא אבערלאנדער ז"ל שידוע שכ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע היה צריך ליתן השגחה על מצות מכונה הנקרא 'מאשין-מצות' במשך שנות כהונתו בכמה עיירות. פעם שח מרן הויגד יעקב בענין מצות מכונה ואמר: "הגם די מצות זענען געמאכט באופן הכשר; אבער סוף כל סוף ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים האט מען די מצות נישט געגעסן, נאר האנט-מצות, און אויף דעם זאגט די תורה (שמות יב, יח) בערב תאכלו מצות, און אין דעם ליגט די שמירה פון די מצות".

*

מרן הויגד יעקב על האדמו"ר מליובאוויטש

## סיפר הרה"ח ר' **ישעי' קליין** ז"ל (ארה"ק - וומס"ב):

**הר"ר** אלי' רייכמאן ז"ל זכה בימי בחרותו ללמוד ולהסתופף בצל קדשו של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע בעיר פאפא יע"א. היתה אז תקופה שהוריו הוצרכו לברוח ולהעביר משכנם לעיר הבירה 'פאריז' שבצרפת, וכשהגיע ימי בין הזמנים בחודש ניסן קיבל מברק מהוריו שיגיע לבקר אצלם בפאריז לכבוד חג הפסח.

**ר'** אלי' שהשתוקק מאוד להסתופף בצל קדשו של מרן הויגד יעקב על חג הפסח, נכנס אל הקודש פנימה למרן ושאל כדת מה לעשות, נענה מרן הויגד יעקב ואמר: "אז די עלטערן רופן, מוז מען גיין". שוב הביע הבחור את דאגתו, איך הוא יתן עצות בנפשו עם כל החומרות והידורים בחג הפסח, כשגיע לפאריז מקום שאינו מוכן ליהודים חסידיים. הורה לו מרן הויגד יעקב: "אין פאריז געפונט זיך דעם ליובאוויטשער רבינ'ס איידעם רבי מנחם מענדל שניאורסאן[א]; גיי צו אים, און פרעג אן ביי אים פון וואו צו נעמען מצות און פלייש אויף פסח".

*

הלל הגדול אצל מרן ז"ל

## סיפר מוה"ר **אלכסנדר דייטש** הי"ו:

**הכרתי** יהודי אורתודוקסי שהיה דר ב'ניו-דזשערסי', ובכל שנה ושנה קודם חג הפסח היה מגיע לבית האופה דקהלתנו לרכוש לו מצות לכבוד חג הפסח. פעם שאלתי אותו: "וואס איז דאס, אז דו שלעפסט דיר אהער יעדע יאר קויפן מצות דווקא דא ביי אונז אין פאפא? איז דען נישט דא קיין מצות אין ניו-דזשערסי?"

**נענה** לי היהודי ואמר: "פסח קויף איך מצות נאר אין פאפא!" ופתח וסיפר לי, שלפני השואה התגורר בעיר סאטמאר יע"א, ובשנה האחרונה לחייו של כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע נעשה בן שלש עשרה למצוות, ואביו הביאו לעריכת השלחן ליל הסדר של מרן הקרן לדוד, שם ראה יהודי הזה את כ"ק מרן זצוק"ל - שקראו לו אז "רבי יוסף" - שהיה מיסב אצל שלחן הסדר של מרן הקרן לדוד, ואמר לי אותו יהודי: "ווען ס'איז געקומען צו הלל הגדול האט רבי יוסף געטאנצן אויפ'ן דאך!"

**שאלתי** אותו: "וואס הייסט דאס אויפ'ן דאך?"... סיפר לי היהודי בהתרגשות: "דער רבי האט געטאנצן מיט אזא קאך און פייער, אז ער איז ממש געשפרינגען ביז'ן דאך!" והפטיר אותו יהודי: "אז ס'קומט א יום טוב פסח, און איך דערמאן מיר פון זיין פייערדיגע עבודה, וויל איך כאטש קויפן זיינע מצות".

*

## סיפר כ"ק **האדמו"ר מבעלזא** שליט"א:

**הייתי** פעם אצל זקן אחד מעיר ראצפערט, ושאלתיו אם יודע לספר מישהו מהרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע הי"ד, נענה ואמר שהוא זכה ללמוד

**א.** ה"ה כ"ק האדמו"ר רבי מנחם מענדל מליובאוויטש זצ"ל חתן כ"ק האדמו"ר רבי יוסף יצחק מליובאוויטש זצ"ל.

ולהסתופף בצל קדשו של כ"ק מרן הויחי יוסף זצוק"ל בעיר פאפא; "פון פאפא רב קען איך דערציילן".

**הוא** סיפר לי שבהגיע ימי בין הזמנים חודש ניסן לא נסע הביתה, מכיון שרצה להסתופף בצל קדשו של מרן הויחי יוסף ז"ל על חג הפסח, ובכך זכה להיות בליל הסדר אצל מרן הויחי יוסף. הוא תיאר לי בהתרגשות את עבודת הקודש בעת הסדר, ובמיוחד העבודה נפלאה והריקודים בשעת אמירת הלל הגדול, כיצד היה נראה כשמרן ז"ל היה שר 'לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו, ויפרקנו מצרנו כי לעולם חסדו' וכו'. ובשעה שסיפר זאת והעלה על זכרונו את ליל הסדר בכה בדמעות שליש מרוב כיסופין והשתוקקות. (בשיחה עם כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א יום ג' פקודי תשנ"ז - קונטרס הביקור).

*

**מנהג ישראל תורה**

## סיפר מוה"ר **יעקב יחזקי' געשטעטנער** הי"ו (טאראנטא):

**בימי** בחרותי התגוררתי בעיר מאנטרעאל יע"א. פעם בחודש ניסן, ראיתי איך שאמי מלבן את הגביעות של כסף לקראת חג הפסח, וראיתי שהליבון אינה כמו שצריך להיות, והערתי לאמי בדרך כבוד שעל פי הלכה צריך הליבון להיות באופן אחר [אבי הרה"ח ר' אליעזר דוד געשטעטנער ז"ל כבר לא היה אתנו בחיים], אמי שהיתה אשה רגועה בטבעה לא אמרה לי כלום, וקנתה לי גביע חדשה לכבוד חג הפסח.

**אחר** החג כשחזרתי לניו-יארק לישיבה, אחר שכבר יצאתי ממפתן הבית, קראה לי אמי בחזרה, וביקשה אותי: "כ'וויל דער עפעס זאגן; איך האב גע'כשר'ט די זילבער אזוי כ'האב געזען ביי מיין מאמע; איך בעט דיר ווען דו קומסט אן קיין ניו-יארק, גיי אריין צום רבי'ן, און פרעג פון רבי'ן וויאזוי מ'כשר'ט זילבער".

**שמרתי** את פקודת אמי, וכשהגעתי לניו-יארק פניתי לבית כ"ק מרן זצוק"ל לברכת שלום, ושאלתי את פה קדשו של מרן ז"ל היאך מלבנים כסף; מרן ז"ל השיב לי כדת מה לעשות, אכן בדרך כמו שהערתי לאמי שצריכים לעשות.

**בדרך** חוצה קרא לי מרן ז"ל בחזרה ושאל אותי: "פארוואס פרעגסטו מיר דאס יעצט; פארוואס האסטו מיר נישט געפרעגט די שאלה פאר פסח?" השבתי את כל מה שאירע בבית אמי, ושהיא אומרת שהיא מתנהגת כמו שראתה אצל אמה. שאל אותי מרן ז"ל: "וויאזוי האט די מאמע געטון?" אמרתי היאך עשתה אמי, נענה מרן ז"ל ואמר: "זאג פאר די מאמע אז זי זאל ווייטער טון אזוי ווי איר מאמע האט געטון!"

**ופתח** מרן ז"ל לדבר אודות הנחיצות להחזיק המסורה ומנהגי ישראל בכל התוקף, ומרן ז"ל סיפר:

**יהודי** 'אויבערלאנד' היו אנשים תמימים מאוד, וכל מה שרב העיר פסק ואמר, היו דבריו קדשי קדשים. פעם היה איזה כפר שלפני פסח אירע איזה חשש בהעופות, ורב הכפר אסר את כל העופות, ולא פירש את טעמו לאיסור. לאחר זמן קצר הלך לו הרב לבית עולמו, ובני הכפר חשבו לרוב תומם שהרב אסר להם לאכול עופות כלל במשך חג הפסח, ומאז התנהגו כל בני הכפר שמשך כל חג הפסח לא אכלו עופות כלל, מכיון שכן פסק הרב שלהם.

**והפטיר** מרן ז"ל: "זאלסט וויסן אז אויב איינער פון דעם דאַרף איז פורץ גדר אויף דעם, איז כאילו אוכל חמץ בפסח!"

**ובכך** לימד אותי מרן ז"ל החשיבות והנחיצות להחזיק המסורה ומנהגי ישראל בכל עוז ותוקף, כי מסורת אבותינו בידינו, ומנהג ישראל תורה היא.

*

**הכאת כף על כף לפני מה נשתנה**

## סיפר מוה"ר **שלום ברמ"י אבערלאנדער** הי"ו:

**המנהג** אצלנו שלפני שאילת 'מה נשתנה' סופקים כף על כף. זכורני שפעם שאל אחד מבני כ"ק מרן זצוק"ל ה'מה נשתנה' ושכח לספוק כף על כף; מרן ז"ל סיפק בידיו כף על כף כמי שמרמז לו שיספוק כף על כף כנהוג, וצוה אותו לחזור ולהתחיל את ה'מה נשתנה'.

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

**כל הזכיות שמורות ל'מערכת קהלת יעקב' דחסידי פאפא**

**718.480.7872**

להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

**אריינצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:**
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג